דעם ייִדישן שרײַבער,
לינגוויסט און
איבערזעצער פֿון דער
ייִדישער וועלט,
דוד קאַץ.

פֿון דײַן פֿרײַנד
און תּלמיד

ל. שטרײַן

1993 [illegible]

גענאַדי עסטרײַך

# מאָסקווער פּורים־שפּילן

## דערציילונגען

פאַרלאַג „דריי שוועסטער"
ראָוון ד'ווײלז
תשנ"ג
לפ"ק

Gennady Estraikh

# Dramau Pwrim Moscow
## Straeon Byrion Idish

Moscow Purim Plays
Yiddish Short Stories

This volume was published through the generosity of David and Beth Tabatznik, in memory of

Mendel Tabatznik
Yiddish poet and novelist
(1894–1975)

LLUN Y CLAWR TRWY GAREDIGRWYDD BWRDD YMDDIRIEDOLWYR AMGUEDDFA VICTORIA AC ALBERT
COVER PRINT BY COURTESY OF THE BOARD OF TRUSTEES OF THE VICTORIA AND ALBERT MUSEUM

Gwasg y Tair Chwaer – Three Sisters Press
Cae Fadog Farm
Rowen, County Gwynedd
Wales LL32 8YP
Britain

© 1993 Gennady Estraikh

ISBN 1 874386 03 X

Cedwir pob hawl – All rights reserved

# מאָסקווער פּורים־שפּילן

| | |
|---|---|
| דאָס לעבן איז אַ שפּיל | 3 |
| אין אַ היץ | 19 |
| טאָגטעגלעכקייט | 29 |
| חוה־יעווע | 49 |
| סאַנדאָמירסקי׳ס קאַריערע | 57 |
| אין סאַלאָן פון פּני העיר | 71 |
| די ירושה | 91 |
| אַנע איוואַנאָוונע | 103 |
| פּראָווינציעלע יסורים | 117 |
| בראַסילאָוו | 131 |
| דער מאַטראַץ | 139 |
| דער זילבערנער דעלפין | 149 |

# דאָס לעבן איז אַ שפּיל

# דאָס לעבן איז אַ שפּיל

ניט איינס, ניט צוויי, ניט דריי...
אַזוי פּלעגט עדיקס באָבע אויסרעכענען, וויפל טעלער דאַרף מען שטעלן אויפן טיש. די צאָל טעלער איז געווען אַ פאַרענדערלעכע גרייס – עמעצער פון די בני בית האָט געקאָנט אין דער צייט ניט זיין אינדערהיים. חוץ דעם – געסט. דעמאָלט אין די פופציקער, איז געווען נאָרמאַל ניט ברוגז ווערן, טאָמער אַן אורח – אַ קרוב, צי אַ פריינט, צי סתם אַ באַקאַנטער – פלעגט אַראָפּפאַלן ווי פונעם הימל. און ווי אַזוי, פרעגט זיך די קשיא, וואָלט מען געקאָנט וואָרענען וועגן אַ באַזוך, ווען קיינער אין זייער אַרום האָט ניט געהאַט קיין טעלעפאָן, און שיקן איינער דעם אַנדערן טעלעגראַמעס, ווי סאָמערסעט מאָעמס לאָנדאָנער תושבים, איז אין יענער געגנט, ביים דניעפער, פאַרפירט ניט געווען.

– ניט איינס, ניט צוויי, ניט דריי...

דער סך־הכל פלעגט אָפּטמאָל זיין אַ היפּשער, באַזונדערס יעדן זונטיק, ווייל כל־זמן די באָבע לאה האָט געלעבט איז די סביבה געווען זייער אַ ברייטע: אַלע עדיקס מומעס און פעטערס מיט זייערע מחותנים, אַלע קרובים, כמו־קרובים און מחותנים, און אַפילו דער טויבער מאָטל בערזשיגאַל, גאָר דעם פערדס בייטשס שטעקעלע.

דערנאָך איז די באָבע געשטאָרבן, און יעדעס געזינד האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ טעלעפאָן – דאָס בעסטע מיטל, כדי פאַרטראָגן אַ

מיטמענטשנס עוולה.

— ניט איינס, ניט צוויי, ניט דריי...

עדיק האָט זיך דערמאָנט אין דער באָבע לאהס אומבאַגיילעכן „ניט", ווען מיט העט־העט יאָרן שפּעטער האָט ער זיך געטאָפּטשעט אויף אַ טרעפּצווישן, אין אַ ריי, פון וועלכער עס האָט זיך געשלאָגן אַ געדיכטער סיגאַרעטן רויך. דער עק פון דער ריי איז געווען ערגעץ אויפן דריטן שטאָק, און דער סוף האָט זיך פאַרבייגלט אויפן פינפטן, ביי דער דירה מיט אַן אויפשריפט איבער דער אַריינגאַנג טיר: „אומגעבעטענע געסט! נאָ פּאַסאַראַן אָן אַ פּראָקוראָרס סאַנקציע". און נידעריקער, שוין אויפן דערמאַטין* גופא, איז מיט אַ סקאָטש־טאַשמע צוגעקלעפּט געווען אַ פּאַפּירל: „דאָ וועט היינט זיין אַ פּורים־שפּיל".

די טיר פון דער דירה האָט זיך געעפנט, און אַ באַלייבטע יידענע מיט בלוי־גראָווע האָר האָט אָפּגעגעבן אַ קאָמאַנדע:

— דרייסיק מענטשן!

זי האָט גענומען דורכלאָזן פּאַזע זיך די ערשטע אין דער ריי בעלנים, אָפּציילנדיק:

— איינס, צוויי, דריי..., ניין און צוואַנציק, דרייסיק. שוין.

עדיקס ווייב איז געווען די איין און דרייסיקסטע. די טיר האָט זיך פאַרמאַכט אונטער איר נאָז.

עמעצער פון די עפּעס און דרייסיקסטע צי אַפילו עפּעס און פערציקסטע האָט אויפגעבראַכט אַריינגעזאָגט, אַז יידן ציילט מען ניט, בפרט נאָך אויף פּורים.

— סאָציאַליזם איז דיסקאָנט, — האָט מיט לענינס ווערטער דערקלערט דער דריי און דרייסיקסטער, אַ דאַרער יאַט אין אַ רעגנמאַנטל.

---

*) אַ קינסטלעך לעדער.

ניט עדיק, ניט מאַרינע, עדיקס ווייב, האָבן פריער ניט געזען קיין פּורים־שפּיל. נאָך מער – זיי האָבן פריער אַפילו ניט געהערט און ניט געוווּסט, וואָס איז דאָס אַזוינס. דאָסמאָל האָבן זיי פּאָפּאַדיעט אויף אַזאַ אונטערנעמונג אויך ביז גאָר צופעליק. פּשוט מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָט זיך צו זיי פּלוצעם אַריינגעשטעלט שוריק עלקין, מיט וועמען זיי האָבן זיך באַקענט דעם פאַראַיאָריקן זומער אויפן פּיאַרנער פּליאַזש און פון דעמאָלט אָן אונטערגעהאַלטן עפּעס אַ פריינטשאַפט. צוזאַמען מיט אַנדערע רעשיקע סענסאַציעס, צו וועלכע שוריק האָט בכלל געהאַט אַ גוסט, איז דעם פאָרפאָלק מיטגעטיילט געוואָרן, אַז שוריקס „טוסאָווקע״ האָט געשטעלט אַ גלענצנדיקע פּורים־שפּיל, ער אַליין באַטייליקט זיך אויך אין אָט דעם ספּעקטאַקל – אַלס פאַרבייטער אויף מרדכיס ראָל. (דאָס וואָרט און דער באַגריף „טוסאָווקע״ וועלן, איך גלייב, אינגיכן פינקטלעך פאַרטייטשט ווערן אין פאַרשיידענע ווערטערביכער. דאָ וועט אַפּנים זיין גענוג צו דערקלערן, אַז אויפן מאָסקווער אַרגאָ באַטייט דאָס וואָרט אַ סביבה פון מיטדענקער, וועלכע קלייבן זיך צונויף – „טאַשעווען זיך״ – צוליב אַ געמיינזאַמען ציל אָדער צייטפאַרברענג.)

ווייטער האָט שוריק געפּלעפּט דאָס יונגע פּאָרל מיט אַ געשיכטע פון פריערדיקע רדיפות קעגן די פּורים־שפּילער. אַזוי, מיט אַ יאָר צוריק, האָט די מיליציע פאַרהאַלטן סיי די אַקטיאָרן גופא, סיי די באַלעבאַטים, וועלכע האָבן געגעבן זייערע דירות פאַר די פאָרשטעלונגען, סיי אַפילו אייניקע צושויער.

– דעריבער זיינען מיר, – דאָ האָט שוריק געמאַכט אַ פּאַוזע, כדי אונטערשטרייכן זיין דירעקטע שייכותדיקייט צו אָט די „מיר״, – געקומען האַיאָר צו אַ באַשלוס, אַז מע דאַרף פאַרווערן אַלע טעלעפאָן שמועסן אויף דער דאָזיקער טעמע און ביז דער לעצטער מינוט האַלטן בסוד די אַדרעסן פון די דירות.

גלייך ווי אַ שאָטן פון זאַסולישט און זשעליאַבאָוו'ן* איז דעמאָלט אַריין אין זייער צימער מיטן פענצטער אויף דער אַמבאַסאַדע פונעם קיניגרייך נעפּאַל. עדיק האָט זיך דערפילט באַליידיקט. אים האָט ניט אַזוי אַרויסגעבראַכט פון די כלים מאַרינעס אַנציקטער בליק, ווי דאָס פאַרשטיין, אַז ער אַליין קוקט אויף שוריקן מיט פונקט אַזעלכע ברייט צעעפנטע אויגן.

– און ווי אַזוי זשע קאָן מען זיך דערוויסן, וואו און ווען וועט זיין די פאָרשטעלונג? – האָט אַדורכגעשטאַמלט עדיק. אים האָבן ניט אַזוי אינטערעסירט די עצם פּרטים, ווי ער האָט געוואָלט תיכף ווייזן, אַז אים אַרט ניט די פּערספּעקטיוו פון אַריינפּאַקן זיך אין מיליציע.

– ביי דער סינאַגאָגע. אַלע ווער עס וויל וועלן דאָרט קאָנען באַקומען דעם אַדרעס.

ביז פּורים איז געבליבן אַ וואָך, ווען צו עדיקן איז אויף דער אַרבעט צוגעגאַן מינענקאָוו, דער קאָמיוגישער** לידער פון זייער קאָנסטרוקטאָרן־ביוראָ.

– עדיק, הער זיך איין, – האָט ער גענומען שטיל פּאָנפען אין זיינע געדיכטע וואָנצעס, – אונדזער ביוראָ האָט באַקומען אַ מעגלעכקייט אַריינצונעמען אַ מענטשן אין דער פּאַרטיי. ס'איז פאַראַן אַ מיינונג, אַז דיין קאַנדידאַטור איז דאָסמאָל די סאַמע פּאַסיקסטע. – ער האָט ברייט אויסגעשטשירעט זיינע כמעט נאָך אַלע געזונטע ציינער. – אַזוי אַז שלאָף איבער היינט די נאַכט מיט אָט דער בשורה, און מאָרגן גיי צו צו מיר, כ'וועל דיר געבן די גאַנצע מאַקולאַטור, וואָס מע דאַרף גרייטן. אָפּגערעדט? – און ער איז אַרויס פונעם צימער.

---

*) רעוואָלוציאָנערן־טעראָריסטן.

**) קאָמיוג – קאָמוניסטישע יוגנט אָרגאַניזאַציע (קאָמסאָמאָל).

אַזאַ מיינונג איז געווען אַ גערעכטיקע, עדיק האָט זי כשר פאַרדינט. ער האָט שוין פינף יאָר געהאָרעוועט אינעם קאָמיוג־קאָמיטעט, געשלעפּט דעם פּראָדוציר־סעקטאָר. דאָס האָט ער פאַנאַנדערגעאַרבעט מער־ווייניקער לאָגישע און דעריבער באַרימטע תקנות פאַר אונטערציִען סך־הכלען פון דער סאָציאַליסטישער פאַרמעסטונג צווישן פאַרשיידענע אָפּטיילן און לאַבאָראַטאָריעס פון דעם ביוראָ. דער ערשטער ווער עס האָט אָפּגעשאַצט עדיקס שאַפונג איז געווען זייער גענעראַל דירעקטאָר.

– אָט דער וויסמאַן איז, ווייזט אויס, ניט קיין נאַר, – האָט ער געזאָגט זיין שטאַלטנעם פּאַרטיי סעקרעטאַר. – אויב אַ מענטש קאָן גאַנץ פאַרשטענדלעך פאַרטייטשן אַזאַ... – און דער דאָזיקער ביז גאָר ראַציאָנעלער מאַנצבל האָט מיט זייער אַ שלעכט וואָרט דעפינירט דאָס קדשי קדשים פונעם סאָציאַליסטישן פּראָדוציר־אופן.

עדיקס מעטאָדיק איז אַ געוויסע צייט (אַ ביסל מער פון איין הייץ־סעזאָן) געווען גאַנץ פּאָפּולער, זי האָט באַקומען אַ זילבערנעם מעדאַל אויף דער אויסשטעלונג פון דערגרייכונגען פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט, און דעם אויטאָר האָט מען אַפילו פאָרגעלייגט גרייטן אויף איר סמך אַ דיסערטאַציע. ער האָט זיך דעמאָלט אָפּגעזאָגט, כאָטש דער פּראָפעסאָר פונעם אינסטיטוט אויף פלעכאַנאָוו'ס נאָמען האָט אים פאַרזיכערט, אַז אויף זייער קאַטעדרע פון וויסנשאַפטלעכן קאָמוניזם וואָלט ער אין דריי יאָר אַרום שוין געווען אַ קאַנדידאַט*.

זיין טרוים איז אָבער געווען צו ווערן אַ קאַנדידאַט (און שפּעטער אפשר אַפילו דאָקטאָר) פון פיזיק־מאַטעמאַטישע וויסנשאַפטן. אָט דער טיטל האָט געקלונגען ערנסט, מע קאָן אַפילו זאָגן – לייטיש, להיפּוך צו די אַלע „געזעלשאַפטלעכע" אויספאָרשונגען וואָס פלעגן ביי אים

---

*) „קאַנדידאַט פון וויסנשאַפט" איז ערגעץ צווישן „מאַגיסטער" און „דאָקטאָר" אין די מערב לענדער.

אַרויסרופן אַ געפיל פון מיטלייד. אַזאַ ספּעציפישע באַציאונג צו די האָרעפּאַשניקעס פונעם געזעלשאַפטלעכן פּראָנט איז ביי עדיקן געווען פאַרבונדן מיט אַן איבערלעבונג פון זיין סטודענטישער יוגנט, ווען ער האָט אין אַלושטע געהאַט אַ צווייטאָגיקן ראָמאַן מיט אַ ביז משוגעת ליידנשאַפטלעכער פרוי. איר מאַן, אַ „וויסנשאַפטלעכער קאָמוניסט" פון עפּעס אַ כאַרקאָווער הויכשול, פלעגט יעדעס יאָר אַרויסלאָזן די דאָזיקע בעסטיע אויף דער פריי, זי זאָל קאָנען אַקומולירן די נייטיקע פאָרציע איינדרוקן און דערנאָך הכנעהדיק אויסהאַלטן דאָס געמיינזאַמע לעבן מיט אַ שוואַכקרעפטיקן טעאָרעטיקער פון אַנטוויקלטן סאָציאַליזם. די דאָזיקע צופעליקע דערפאַרונג האָט עדיקן פיזיאָלאָגיש אָפּגעשטויסן פון דער פאָרגעלייגטער אַרט טעטיקייט, פונקט אַזוי ווי זיין פעטער זינאָווי האָט ניט געקאָנט אַפילו קוקן אויף מאַראַנצן, מחמת זיי זיינען אַמאָל געווען פּראַקטיש דאָס איינציקע וואָס ער, אַן אַרבעטלאָזער פאַרטייער פון לאָדז, האָט געקאָנט זיך פאַרגינען אין ארץ ישראל.

דאָס וואָס עדיק האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַזאַ פּאָליטיש אָנגעזעטיקטער לעבנס־טראַיעקטאָריע באַטייט לחלוטין ניט, אַז זיין אידעאָלאָגישע פּאָזיציע איז געווען ניט אינגאַנצן רייף. אַדרבא, די גאַנצע משפּחה ווייסמאַן איז געווען רואיק איבערצייגט, אַז קיינער קאָן צו זיי ניט זיין גלייך, ווייל זיי זיינען געבוירן געוואָרן ניט אין דער אומברחמנותדיקער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, נאָר מזרח־צו פון בריסק און טשאָפּ. עדיקס איבערצייגונג האָט גוט אָפּגעשפּיגלט אַן אומבאַוואוסטער מייסטער פון פּלאַקאַטן־קונסט, ווען ער האָט אָנגעשריבן איבער דעם אַריינגאַנג אין זייער ביוראָ: „דער קאָמוניזם וועט זיגן אומפאַרמיידלעך", און ניט אַוועקגעשטעלט קיין שום צייכן נאָך אָט די שלאָגווערטער. גראָד אַזוי, אָן קיין פּינטל, אויסרופצייכן אָדער חלילה פרעגצייכן, האָט געגליבט אינעם מאַגיסטראַלן וועג עדיק ווייסמאַן, ווען מע האָט אים ערב פּורים פאָרגעלייגט אַריינצוטרעטן אין דער פּאַרטיי.

עדיק האָט ערשט געגומען לייענען די מאַטעריאַלן פונעם XXV צוזאַמענפאָר פון קפסס – מינענקאָוו האָט געוואָרנט, אַז אין ראַיקאָם* פרעגט מען אָפּטמאָל אויף אַ ביז גאָר ערנסטן אופן, באַזונדערס די קאָנטראָל ציפערן פונעם צענטן פינפיאָר. אָבער ער האָט קוים באַוויזן פאַרגעדענקען, אַז דער פּראָדוקציע פון דער שווערער אינדוסטריע איז באַשערט געווען אויסוואַקסן אויף 38־42 פּראָצענט, ווען עס האָט אָנגעקלונגען שוריק עלקין.

– עדוואַרד! – האָט געשריגן אין טרייבל דער פּיאַרנער באַקאַנטער. – דו האָסט ניט פאַרגעסן, אַז מאָרגן וועט אפשר מקוים ווערן דיין טרוים צו זען מיך אויף דער בינע?

– וואָס פאַר אַ בינע? – האָט אויפריכטיק ניט פאַרשטאַנען עדיק. ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן וועגן דער פּורים־שפּיל, שוין אָפּגערעדט פון שוריקס ראָל אין אָט דער פאָרשטעלונג. איצט האָט ער זיך דערמאָנט אין דער קאָנספּיראַטיווקייט, וועלכע שוריק האָט זיי אַנומלט באַשריבן, און בפירוש אָן חשק צוזוגעבן, – אוי! איך האָב זיך דערמאָנט...

– קום צוזאַמען מיט מאַריאַנען! – האָט אַ געשריי געטאָן ערגעץ אין אַ טעלעפאָן בודקע שוריק, דעמאָנסטרירנדיק ווידער זיין אידיאָטישע טבע איבערדרייען אַלע נעמען לויט אַן אויסלענדישן נוסח.

– אומבאַדינגט, – האָט הכנעהדיק צוגעזאָגט עדיק.

איצט איז אַפּנים געקומען די צייט צו זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן עדיקס אויסזען. אויב זיך ניט אַריינלאָזן אין פּרטים און זיך באַנוגענען בלויז מיט דעם אַלגעמיינעם אַבריס, קאָן מען זייער קורץ און פּשוט זאָגן, אַז עדיק איז אויסערלעך געווען ענלעך אויף אַ לאָשעק. אַלנפאַלס, צו אַזאַ מעטאַפאָרישן געדאַנק זיינען אומאָפּהענגיק און אין פאַרשיידענע יאָרן

---

*) ראַיאָנער קאָמיטעט פון קפסס – קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

געקומען עטלעכע מענטשן, צווישן וועלכע מע קאָן דערמאָנען זיין לערערין פון זאָאָלאָגיע, דעם עלטערן אינספּעקטאָר אינעם קאַדרען־אָפּטייל* פון זייער קאָנסטרוקטאָרן־ביוראָ און מאַרינעס מוטער. אַזאַ אַנימאַליסטישע אַנאַלאָגיע איז בלי ספק פאַרבונדן ניט בלויז מיט דעם, אַז די נאָז ביי עדיקן האָט באמת געקאָנט זיין אַ סך קלענער, די אויגן — ניט אַזוי ברייט צעשטעלט, און דאָס פּנים בכלל — ווייניקער אויסגעצויגן. דעם תמצית פון אַזאַ פאַרגלייך דאַרף מען פאַרבינדן דער עיקר מיט דעם, אַז אין עדיקס פיגור האָט זיך בולט געפילט אַזאַ הכנעהדיקייט, וועלכע מע קאָן אויך זען אין אַ פערד צי אין אַן אייזל, בפרט נאָך ווען מע לאָזט זיי איבער שטיין אונטער אַ שרפעדיקער זון: דער בעל־חי ווערט דאַן פאַרגליווערט מיט אַ פאַראומערטן קאָפּ, דערוואַרטנדיק, אַז דער באַלעבאָס וועט אָט־אָט אַ צי טאָן די לייצעס, און די האָרעפּאַשנע באַשעפעניש וועט ווידער מוזן ערגעץ לויפן — די לייצעס און די בייטש וועלן אונטערזאָגן, וואוהין און מיט וואָס פאַר אַן אַליור...

די דאָזיקע הכנעהדיקייט האָט טאַקע געבראַכט עדיקן צו דער מאָסקווער קאָרשול, כדי דאָרטן באַקומען דעם אַדרעס פון אַ דירה ערגעץ איפן ווערנאַדסקי פּראָספּעקט, וואו ער און מאַרינע וועלן זיך שטופּן אויף די טרעפּ און וואַרטן אויף דער זכיה צו זען שוריקן אין מרדכיס ראָל.

ער איז געשטאַנען דער צוויי און דרייסיקסטער און ניט געקאָנט פּטור ווערן פון דער מורא, וועלכע האָט אים אַרומגעכאַפּט גלייך נאָך שוריקס קלונג. ער האָט זיך געסטאַרעט צו פאַרהוילן זיינע יסורים: ס׳איז געווען אַ בזיון צו אַנערקענען, אַז ער ציטערט פאַר שרעק. מאַלע ווי עס קאָן זיך פאַרענדיקן די דאָזיקע פּורים־שפּילן! און כאַי וואָלט דאָס כאָטש געווען עפּעס רעכטס. ניין, דאַרף ער איבער אַ נאַרישקייט, אַ שיבוש —

---

*) „קאַדרען־אָפּטייל" קלייבט אונטער און קאָנטראָלירט דעם פּערסאָנאַל (די „קאַדרען").

אויך מיר, צו לעקן פינגער פון אַ פרישגעבאַקענער זעלבסטעטיקייט – ריזיקירן מיט דער פערספּעקטיוו צו ווערן אַ פּאַרטיי מיטגליד, וואָס באַטייט פּראַקטיש צו קריגן סמיכה פאַר אַ נאָרמאַלער וויסנשאַפטלעכער קאַריערע. ניט אומזיסט דאָך האָט אים דער פעטער זינאָווי געזאָגט, אַז ביי איצטיקע צייטן קאָן דער פּאַרטיי בילעט אָפּטמאַל קאָמפּענסירן דעם „פינפטן פונקט"*. אָבער ניט גיין האָט ער אויך ניט געקאָנט, ווייל אין מאַרינעס משפחה האָט ווער ווייסט פון וואַנען (אפשר פון איר זיידן, אַן אָנגעזעענעם אַנאַרכיסט) געבלאָנדזשעט אַ ווירוס פון אַלטע, משונהדיקע באַגריפן, וועלכע זיינען שוין פון לאַנג, דאַכט זיך, מומיפיצירט געוואָרן אין די ראָמאַנען פונעם פאָריקן יאָרהונדערט.

עדיקס מורא איז נאָך שטאַרקער געוואָרן ווען ער האָט דערזען, אַז ביים אָנגעוויזענעם הויז דעפּילירן צוויי מיליציאָנערן. עס קאָן זיך דאָך אויך מאַכן, אַז די דירה האָט מען אַנטדעקט מיט אַ פאַרשפּעטיקונג, און באַלד וועלן קומען פאַרשטאַרק־כוחות כדי אַריינוואַרפן זיי אַלעמען אין געדעקטע לאַסטמאַשינען. ער האָט, אמת, לויט שוריקס עצה, אַריינ־געלייגט זיך אין בוזעם קעשענע זיין און מאַרינעס פּאַסן – די, ווער עס האָט אַ דאָקומענט, וועט מען נאָר איבערשרייבן און גלייך אָפּלאָזן (אַזאַ סצענאַר האָט צוגעזאָגט דער דערפאַרענער שוריק). אָבער פאַר אים איז איבערגענוג, מע זאָל זיי בלויז איבערשרייבן! ס'איז דאָך ניט די אינסטיטוציע, וואו מע שרייבט פשוט צוליב פאַרגעניגן פון שרייבן. אַוודאי וועט דערנאָך קומען אַ מסירה צו אים אויף דער אַרבעט, און ער וועט מוזן דרייען זיך אויפן קאָרעק, דערציילן מעשיות וועגן דעם פּיאַרנער באַקאַנטן שוריק עלקין, וועלכער האָט זיי, אַזוי צו זאָגן, געגעבן בילעטן אויף זיין ערשטן ספּעקטאַקל...

עדיק האָט מיטאַמאָל אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס לעבן איז בכלל אַ

*) נאַציאָנאַליטעט.

שפּיל, און די דאָזיקע סענטענץ האָט אים דערשטוינט. די סיבה פון זיין איבערראַשונג איז געווען ניט אַזוי דער כמו־פילאָסאָפישער געדאַנק זיינער, ווי דער עצם פאַקט פון פילאָסאָפישן ישוב הדעת. עדיק איז דאָך, אין תוך גענומען, געווען ווייט פון אַ וועלכער ניט איז אַבסטראַקטער וועלטבאַנעמונג, זייענדיק אַן אויסגעשפּראָכענער טעכנאָקראַט, וואָס לייענט טאָגטעגלעך רק ספּעציעלע האַנטביכער אָדער מאָנאָגראַפיעס, און בלויז בשעת אורלויבן נעמט ער מיט זיך אויפן פּליאַזש וואַלענטין פּיקול'ס אַ ראָמאַן. און דאָ נאַ דיר – גאָר פילאָסאָפיע.

דאַן, פּרילינגצייט פונעם אַכציקסטן יאָר, שטייענדיק ביי דער טיר מיט אַ דיסידענטישער אויפשריפט, האָט עדיק ווייסמאַן טאַקע ניט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ קאָרט וועט אים אויספאַלן. ער – אַ געוויינלעכער סאָוועטישער אינזשענער פון זיין גענעראַציע – האָט געקאָנט דערוויל ערנסט טרוימען נאָר וועגן אַ פאַרטיי בילעט. פאַר אים איז דאָס אין יענע יאָרן געווען ניט בלויז אַ העכערער שטאַפּל אויפן וועג צו אַ לייטישן סאָציאַלן סטאַטוס, אָבער אויך אַ סימבאָל פון זיין שייכותדיקייט צו דער גוואַרדיע, וועלכער מע פאַרטרויט אַ סך מער, איידער אַנדערע, סתם בירגער.

קיין נביא איז עדיק געוויס ניט געווען, אָבער זיין חלום איז מקוים געוואָרן: די פּורים־שפּיל האָט זיך פאַרענדיקט גאַנץ בשלום, אויב ניט רעכענען, אַז זיי ביידע, ער און מאַרינע, פאַרשוויצטע נאָך דער פאַרענינע אין אַ פולגעפּאַקטן צימער, האָבן אונטער אַ קילבלעכן מאַרץ ווינט אונטערגעכאַפּט אַ קאַטער, אָדער, לויט דער אָפיציעלער טערמינאָלאָגיע, – אַ שאַרפע רעספּיראַטאָרנע קרענק; אַן ערך אין אַ חודש אַרום, דאָס הייסט שוין אויף פּסח, איז עדיק געוואָרן אַ קאַנדידאַט אין די פאַרטיי מיטגלידער, און נאָך אין אַ יאָר אַרום – אַ פולווערטיקער פאַרטיי מיטגליד: אין דריי און אַכציקסטן האָט ווייסמאַן פאַרטיידיקט אַ קאַנדידאַטן־דיסערטאַציע און ערגעץ אין דער זעלבער

צייט האָט מען אים פאַרטרויט אַ וויכטיקן אָפּטייל אין זייער קאָנסטרוקטאָרן־ביוראָ.

כאָטש דאָס וואָרט „פּראָגנאָז" האָט פיגורירט סיי אין דעם פאַרדרייטן נאָמען פון זיין דיסערטאַציע, סיי אין זיינע צוויי אַרטיקלען אינעם זשורנאַל „פּריקלאַדנאַיאַ מאַטעמאַטיקאַ", האָט עס אינדערעמתן קיין שום שייכות ניט געהאַט צו אַ וואָסערער ניט איז טאָגטעגלעכער נביאישקייט („פונעם ערשטן יוני אָן וועלן אויסוואַקסן די פּרייזן אויף גאָלד און משקה", „ברעזשנעוו וועט נאָך דעם קומענדיקן צוזאַמענפאָר אַוועקגיין אויף פּענסיע", „יידן וועט מען איצט שיקן אַרבעטן דער עיקר אין סעקרעטנע אַנשטאַלטן, כדי זיי דערנאָך ניט אַרויסלאָזן קיין ישראל"...). דעריבער טאַקע האָט עדיק ניט געקאָנט דעמאָלט וויסן פאָרויס אַזעלכע למשל געשעענישן: אַז אין זיבן און אַכציקסטן וועט ער באַקומען אַ נייעם וויסן „מאָסקוויטש", איינעם פון די דריי אויטאָס וועלכע מע האָט אויסגעטיילט פאַר דעם גאַנצן קאָנסטרוקטאָרן־ביוראָ: אַז אין אַכט און אַכציקסטן וועט אין פאַרלאַג „ווישאַיאַ שקאָלאַ" אַרויסגיין זיין האַנטבוך, אויפן האָנאָראַר וועט ער קויפן צוויי פּוטיאָווקעס*, פאַר זיך און מאַרינען, און זיי וועלן אין משך פון אַכצן טעג אומפאָרן איבערן באַלטישן ים: אַז אין ניין און אַכציקסטן וועט ער אָנגעבן דאָקומענטן אויף אַרויסצופאָרן קיין ישראל, דורך אַ צופאַל קריגן אינעם אוניווערמאַג „מאָסקוואַ" דריי וואַליזעס אויף רעדלעך, און דערנאָך וואַרטן אין איטאַליע זעקס חדשים, מע זאָל אים מיט דער משפחה דערלויבן אַריינפאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, מחמת ער איז אַ געוועזענער קאָמוניסט און זיין ווייב איז אַ יידישע בלויז פונעם פאָטערס צד: אַז דעם צוואַנציקסטן מאַי פונעם ניינציקסטן יאָר וועלן זיי אין אַעראָפּאָרט „קענעדי" באַגעגענען דער פּעטער זינאָווי און אַרקאַדי בערזשיגאַל, דער מיזיניק פונעם טויבן מאָטל

---

*) דאָ: ערטער אין אַ טוריסטישער גרופּע.

בערזשיגאַל, וועלכן די באָבע לאה האָט שטענדיק געהאַלטן פֿאַר דעם פּערדס בייטשס שטעקעלע.

ער האָט אַוודאי ניט געקאָנט זיך פֿאָרשטעלן, אַז די ערשטע אין וועמען ער וועט זיך אָנשטויסן אויף ברייטאָן ביטש, וועט זיין שוריק עלקינס טומלענדיק געזינד, און אַז שוריק וועט אים, מאַרינען און אַפילו זייערע זין צעקושן ווי די סאַמע נאָענטסטע קרובים און אָן שום הנחות פֿאָרלייגן:

– מיר גייען אַלע תיכף אין רעסטאָראַן! אָ־קיי? אַנו, לויט די אָרדענונג נומערן – אויפציילן! איינס, צוויי, דריי...

און עדיק וויסמאַנען וועט אין יענער מינוט צום צווייטן מאָל פֿאַר זיינע קאַרגע פֿערציק יאָר קומען דער כמעט פֿילאָסאָפֿישער געדאַנק מכח דעם לעבן, וואָס איז אַ שפּיל.

# אין אַ היץ

# אין אַ היץ

דאָס זאַמד איז אויפֿן פּליאַזש צעגליט ווי אין אַ זשאַראָווניע. אויף דער זון זיינען איבערגעבליבן ליגן בלויז צום מערסטן פֿאַרהאַרטעוועטע אָדער לייכטזיניקע איינוואוינער פֿון די אַרומיקע פּאַנסיאָנאַטן. אַנדערע זיינען אָדער אַוועק עסן, אָדער האָבן זיך באַהאַלטן אין די אָאַזיסן פֿון שאָטן – אונטער די טענטן־שווּעמעלעך מיט אָפּ־געבליאַקעוועטע און פֿריער אַפּנים גרינע אָדער בלויע ברעזענטענע „היטעלעך״.

אַ יינגל פֿון אַ יאָר זיבן צעטיילט גלייך אויף גלייך די פּאַראַנענע מיליטער כוחות: פּלאַסטיקעווע און אַלומינענע טאַנקען, קאַנאָנען, זעלנערלעך.

– איך גרייט מיין פּאָזיציע דאָ, און דו – דאָרט, לעם דיינע עלטערן. – ער ווייזט אָן מיט דער האַנט אויפֿן דערבייאיקן טענט.

זיין שותּף, אַ צניפּל פֿון אַ יאָר דריי־פֿיר, פֿאַרשטייט דאַכט זיך אַפֿילו ניט, וועגן וואָס ס׳רעדט דער עלטערער חבֿר, אָבער ער קלייבט צונויף די אויסגעטיילטע שפּילעכלעך, און גיך, כּדי זיך ניט אָפּבריען די פּוסזויל מיטן פֿייערדיקן זאַמד, לויפֿט ער איבער צום אָנגעוויזענעם אָרט.

אין אַ האַלבער שעה אַרום איז ביים עלטערן יינגל שוין גרייט געוועזן די פּאָזיציע. די טאַנקען און פּאַנצער מאַשינען זיינען צעשטעלט מיטן גאַנצן קנאַק – אין באַזונדערע שוצפּונקטן, פֿאַרשטאַרקט מיט די קאַנאָנען און קוילנוואַרפֿערס. פֿאַר די זעלנערלעך זיינען גרייט

שוצגראָבנס און פייערנעסטן, און די גאַנצע זאַמדיקע באַפעסטיקונג האָט זיך אויפגעשפּיזט אין דער ריכטונג פונעם קעגנער, וועלכן מע זעט קוים אַרויס פון אונטער אַ קאַשקעטל מיט אַ לאַנגן דאַשעק.

דער עלטערער פאַרענדיקט פאַנאַנדערוויקלען זיין חייל, נאָכמאַכנ־דיק דערביי די שיסעריי: „טאַ־טאַ־טאַ" און „פּוף־פּוף". דערנאָך שטייט ער אויף און טראָגט זיך מיט אַ הילכיקן „הוראַ" צו זיין יינגערן חבר.

יענער האָט צעשטעלט די טעכניק אין אַ לאַנגער קאָלאָנע, די זעלנערלעך — אויבנאויף. ווען ער רוקט איבער די קאָלאָנע פאָרויס, דורכלייגנדיק פאַר איר אַ וועג אין טיפן זאַמד, זינגט ער באַגייסטערט: „דו־או־פּי־פּיפּ"...

— טיו! — דער עלטערער חייל־פירער שאַצט אָפּ מיט אַ ביטול שמייכל די מיליטערישע דערגרייכונגען פון זיין קעגנער. — וואָס איז דאָס פאַר אַ פּאָזיציע? דיין קאָלאָנע קאָן מען צעקלאַפּן מיט איין גראַנאַט. אָט גיב אַ קוק.

ער לויפט צו דער וואַסער, קלעפּט אויס פונעם נאַסן זאַמד אַ באָלכל, וואַרפט זיך אויפן בויך און פויזעט צו דער קאָלאָנע. צוגעקראָכן צו די פאָדערשטע טאַנקען, דערלאַנגט ער זיי אַ צעשמעטערנדיקן קלאַפּ מיט זיין „גראַנאַט".

דאָס צניפל קוקט עטלעכע רגעס מיט שטוינונג אויף די צעוואָרפענע און צוגעשאָטענע שפּילעכלעך, און דעם פליאַזש פאַרהילכט זיין האַרצרייסנדיק געשריי...

— פונקט אַזוי פירסטו זיך אויף מיט אונדז, דיינע שקלאַפן — האָט צערטלעך־שמאַכטיק קאָמענטירט דעם קאָנפליקט אַ הויכוואוקסיקע ברונעטקע אין אַ דרייסטן באָדקאָסטיום. זי האָט דאָס געזאָגט איר פריינט, וועלכער איז געלעגן אויף איין רעדנע מיט איר, אין אַ פּאָזע פון אַ ריטער, אַ דורכגעשטאָכענעם מיט דער שווערד.

— דו הערסט, אַליק?

– איך האָב דיר שוין דערקלערט, אַז אין מיר לעבט עפּעס אַ מזרח אַטאַוויזם. איך שטאַם אָפּנים פון שלמה המלכן – מיין נשמה נייטיקט זיך אין אַ האַרעם. – ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און אַ טרייסל געטאָן, ווי אַ הונט, מיטן קאָפּ, אַראָפּוואָרפנדיק פון זיך צי זאַמד, צי אַ טרוים בילד. – נאַטאַלי, לאָמיר גיין פון דאַנען. איך פיל זיך שוין ווי אַ לויז איי.

– דער געזעץ פאַרבאָט אָבער האַרעמען. – זי האָט עטלעכע מאָל אַדורכגעפירט מיט דער האַנט איבער אַליקס צוגעברוינטן רוקן, געדיכט אָפּגעשאָטענעם מיט בערגלדיקע פּרישטשעס.

– אויף געזעלשאַפטלעכע יסודות איז דאָס ניט פאַרבאָטן. – ער האָט זיך אויף אַ קורצער ווײַלע פאַרכלינעט פון געלעכטער. – כ׳וועל גיין זיך אונטערטוקן. אפשר ווילסטו אויך? – ער האָט געוואוסט, אַז זי האָט פיינט זיך באָדן אין דעם פאַרצוויטעט געוואָרענעם טייך איינגוס.

– כ׳וועל זיך שוין בעסער איבערמאָרגן אויסבאָדן אין מיין מאָסקווער וואַנע.

אַליק איז אויפגעשטאַנען און, אומנאַטירלעך אויסגעגלייכט זיין סוטולעוואַטן רוקן, זיך געלאָזט שפּרייזן צו דער וואַסער.

נאַטאַשע האָט מיט עקל אַ טראַכט געטאָן, אַז נאָכן מיטיק וועט זי מוזן זיך לייגן מיט אַליקן אין בעט און ווידער פאַרטראָגן די שווייסיקע נאָענטקייט פון אָט דעם קליינוואוקסיקן, אין־זיך איינגעליבטן בעל־תאווה.

זיי האָבן זיך באַקענט ביי נאַטאַשעס שוועסטערקינד אַרקאַדי, ווען יענער האָט, נאָך פופצן יאָר וואַרטן אין שטאַנד פון אַ „רעפּיוזניק״, גע־פּראַוועט לסוף זיין אַרויסבאַגלייטונג סעודה – אַן אמתער תוהו־ובוהו פון קרובים, פריינט, באַקאַנטע, שכנים, אָבער דער עיקר פון אַרקאַדיס מיטברידער לויטן וואַרטן: סיי נאָך מונטערע, אָפּטימיסטיש געשטימטע נעוויקעס, סיי אויסגעמאַטערטע, בייזע, אָפּטמאָל כמו־פרומע וועטעראַנען פונעם צעוואָרפענעם איבערן גאַנצן לאַנד וואַרטזאַל, וואוהין די מזלדיקע

בילעטן ווערן אַריינגעטראָגן אָן קיין לאָגיק און אָן קיין כלל, גלייך ווי עפּעס אַ היציקער שפּילער האַלט אין איין וואַרפן גורל.

אַליק און אַרקאַדי זיינען געווען קאָמפּאַניאָנען – זיי האָבן צוזאַמען פּאַרדינט אַ שיין ביסל געלט ביי די ראָק אַנסאַמבלען, האַנדלענדיק מיטן געדיכט ווייסן „רויך", אָן וועלכן ס'איז לעצטנס געוואָרן אומאָנשטענדיק אַרויסצוגיין אויף דער בינע. אַרקאַדי האָט צוגעטראַכט אַ סכעמע פּאַר אויסאַרבעטן דעם ניי־מאָדנעם בוטאַפּאָרישן נעפּל – דעם העכסטן באַגער פון אַלע אינלענדישע „מאָדערן טאָקינג", וועלכע האָבן זיך בשפע פּאַר־פּלאָדיעט און געשאַפן אומאויסשעפּלעכע אָפּזאַצמערק אַפילו בלויז אויף די רחבותן פונעם מיטל־רוסישן פליין. דעם מסחר גופא האָט גענומען אויף זיך אַליק. צוליב דעם האָט ער פאַרוואָרפן זיין דיסערטאַציע און אויפגעוועקט דערמיט צאָרן ביי זיינע עלטערן – פאַרטרוימטע קונסטקענער.

זיך געזעגענען מיט אַרקאַדין איז אַליק געקומען ניט אַליין. עפּעס אַ בלענדיקע מאַרינע איז דעם גאַנצן אָוונט געהאַנגען ביי אים אויפן האַלדז. נאַטאַשע האָט געהערט, ווי אַ יידענע מיט אַ צוגעשפּיליעטער צום זשאַבאָ עמבלעם פון דער ישראלדיקער עקספּאָזיציע אויפן ביכער־יריד האָט דערקלערט איר אַפּאָפּלעקסיש־אַרטיקן מאַן, טייטלענדיק מיט אַ בוטערבראָד אין אַלקיס זייט:

– גיב נאָר אַ קוק אויף דעם חמור־אייזל! ער האָט שוין אַפּנים איבערגעקליבן אַלע יידישע מיידלעך פון מאָסקווע.

די בראָונישע באַוועגונג איבער אַליקס דירה האָט ערגעץ נאָך האַלבער נאַכט צוגעטריבן נאַטאַשען צום ווינקל, וואו אַליק האָט אָקאָרשט פאַרענדיקט זיך קריגן מיט מאַרינען:

– גאָטעניו מיינער! איך שנייד זיך דאַכט זיך אויף אַן אַנטיסעמיט.

ווי האַלט איר? – האָט ער פלוצעם געפרעגט ביי נאַטאַשען.

– פאַרוואָס?

– ווייל איך קאָן ניט אויסהאַלטן די פוילע שטיק פון דער מאָסקווער עדה יידישע מיידלעך. איר זייט אויך פון די צעפּעסטעטע שטרויענע פּאַניענקעס?

– ניין, איך וואַש נאָך זיך דאָס געפּעס, – האָט זיך ניט ווילנדיק אַרויסגעריסן ביי נאַטאַשען.

– אויב אַזוי, פּאַל איך, ערשטנס, צו אייערע פיס, און, צווייטנס, לאָמיר נעמען די פיס אויף די פּלייצעס...

און זיי זיינען אַוועק אינאיינעם, אויף אַליקס בלויער „וואָלוואָ".

דאָס איז געווען מיט אַ האַלב יאָר צוריק, און אין משך פון אָט די אַלע חדשים שפּילט זי איינגעשפּאַרט די ראָלע פון אַ ווייבל אַ קאָזאַק, וועלכע פּאַרשטייט וואָס איז דאָס אַזוינס – אַ פרייער היינטצייטיקער מאַנצבל. איר געפעלט ווי אַליק שיט מיט געלט. לעבן אים האָט זי דערפילט דעם רעכטן טעם אין טייערע רעסטאָראַנען, אין קאָנצערטן און טעאַטערס, אין ניט פאָרן מיטן מוניציפּאַלן טראַנספּאָרט, אין נאָך אַ סך זאַכן, וועגן וועלכע זי, אַן אָנגעלייענטע בת־יחידה פון עקזאַלטירטע עלטערן, האָט פריער ניט אָנגעהויבן צו וויסן. היינט די קנאה, מיט וועלכער די קאָלעגן פון דער שול קוקן אויף איר גרויסאַרטיקן קאַוואַלער, בפרט נאָך, ווען יעדע צווייטע לערערקע האָט זיך פּאַרזעסן און שוין אויפגעהערט צו טרוימען וועגן עפּעס אַ סטאַבילער, באַמאַנצבלטער נעסט.

זי האָט אָפּגעגעבן זיך חשבון וועגן דעם, אַז זי האָט ניט ליב אַליקן, אַדרבא – זי האָט אָפּטמאָל געדאַרפט גובר זיין דאָס עקל געפיל צו איר אַנטי־העראָי, צו דעם פריש־געבאַקענעם נגיד. איר איז געווען דערווידער זיין אומעטומיקער ציניזם, באַזונדערס בנוגע אַזאַ גענעטיש דערוואָרבענער הייליקייט, ווי דער רעוואָלוציאָנערער טאַטשאַנקע*־

*) אַ וואָגן (אָפּטמאָל מיט אַ קוילנוואַרפער) אין דער צייט פון בירגערקריג.

מאַטראָסן עפּאָס. זי האָט אַפילו געפּרואווט עטלעכע מאָל פּראָטעסטירן קעגן אַליקס ביטול חקירות, אָבער ער פלעגט אין אַזעלכע פאַלן ענטפערן מיט אַ גאַווהדיקן שמייכל און מיט אַ קניפּ אין הינטערבאַק.

נאַטאַשעס עלטערן האָבן ממש אַליקן. די מאַמע האָלט אין איין טענהן: „נאַטאַשע, באַטראַכט זיך. ביסט דאָך אַכט און צוואַנציק יאָר אַלט, מע דאַרף שוין ערנסט טראַכטן וועגן אַ פאַמיליע. דיין סוחרל שפּילט זיך מיט דיר, ווי מיט אַ ליאַלקע. דו נייטיקסט זיך אין גאָר אַן אַנדערן מענטשן...״

יאָ, איר מאַמען געפעלן אַנדערע מענטשן – די וואָס רעדן פּונקט אַזוי ליטעראַריש, ווי זי (נאַטאַשעס עלטערן אַרבעטן אין אינסטיטוט פון דער רוסישער שפּראַך). דאָס איז דער הויפּט קריטעריע, ווייל די מאַמע איז איבערצייגט, אַז אַ מענטש וועלכער רעדט ריכטיק איז אַ פּערזענלעכקייט, און פון דעם שוין דרינגען אַרויס אַלע אַנדערע מעלות פון אַן אינטעליגענט. אַליק רעדט ניט אַזוי, מיט אַ סך אוקראַיניזמען, הייסט עס אַז ער פּאַסט ניט, אַז ער איז אַ סוחרל – „קופּטשישקאַ״.

פאַרן אַוועקפאָרן מיט אַליקן קיין אוקראַינע האָט נאַטאַשע זיך ניט איינגעהאַלטן און אַריינגעזאָגט דער מוטער, אַז אין איר, ווי אין אַ בעל־עגלהס טאָכטער, ברויזט דאָס קלאַסן־געפיל. די מוטער האָט אָפּגע־ענטפערט מיט גלייך ווי אַפריער צונויפגעשטעלטע פיליפּיקעס: אַז איר טאָכטער פירט זיך ווי אַ זונה, אַז זי שטעלט צו שאַנד זייער גאַנצע משפחה און אַזוי ווייטער, מיט גאַנץ געלונגענע ציטאַטן פון רוסישע קלאַסיקער און אַפילו מיט איין פאַררופונג אויף מאַרקסן. נאַטאַשע האָט, נאָך דער רעמאַרקע וועגן דעם קלאַסן־געפיל, ניט געלאָזט פאַלן קיין וואָרט. זי האָט געוווּסט, אַז ס׳איז גענוג עפּעס אַ בעבע טאָן, כדי תיכּף אַרויסרופן אַ נייע געקייטלטע רעאַקציע פון אויסגעצייכנטע לויטן סטיל מוסר־השכלען. זי האָט דעמאָלט געטרוימט בלויז וועגן איין זאַך: וואָס גיכער פאַרפאַקעווען דעם טשעמאָדאַן און אַרויסלויפן אין דרויסן, פּטור ווערן כאָטש אויף צוויי

וואָכן פון דער שטענדיקער אָפּעקע, וועלכע דויערט שוין אַכט און צוואַנציק יאָר.

גיי דערצייל דער מוטער, אַז דאָס „קלאַסן־געפּיל״ לאָזט זי אויך ניט אָפּ, אַז צווישן די מענטשן פון אַליקס אַרום דערשיינט זי פּאַר זיך טאַקע אָפּטמאָל ווי אַן אָרעמע כלה פון אָסטראָווסקי׳ס אַ פּיעסע. גיי שרעק אַפּריער די עלטערן, אַז זי האָט באַשלאָסן איבערצולאָזן דאָס קינד, וואָס לעבט אין איר שוין כמעט אַ חודש. וועגן דעם שטויסט זיך ניט אָן אויך אַליק. ער באַמערקט אַפּילו ניט איר צומאַליקע צאַרטקייט צו אים. ער ווייסט ניט, אַז אָט די טעג, וואָס זיי פאַרברענגען ניט ווייט פון זיין היימשטאָט, זיינען די לעצטע. אין מאָסקווע וועט זי אַרויסגיין פון דער דאָזיקער שפּיל, מחמת די נייע ראָלע, וועלכע זי האָט אויסגעקליבן פאַר זיך, פאָדערט אַז אַליק זאָל נעלם ווערן פון איר לעבן. ווען ניט דאָס קינד, וואָלט זי געקאָנט אפשר יאָרנלאַנג האָבן אַזאַ געליבטן, זי וואָלט אַפּילו געקאָנט חתונה האָבן פאַר אים. אָבער האָבן לעבן זיך אַליקן, כדי אונטער זיין השפעה אויסכאָווען איר קינד, — ניין, אַזאַ ריזיקע קאָן זי זיך ניט דערלויבן.

זי האָט דערהערט לעבן זיך אַ „דו־דו־דו״... דאָס צניפּל, מיט שמוציקע פלעקן אויף די באַקן — פון צעשמירטע מיט די הענט טרערן, האָט ווידער גענומען דורכשלאָגן אַ וועג פאַר זיין קאַראַוואַן.

דאָ האָט אָבער דעם גאַנצן פּליאַזש פאַרהילכט דאָס סווישטשען פונעם דעזשורנעם רעטער. די געזונטע יאַטן פונעם וואַכטורעם האָבן שטענדיק געהאַט צו טאָן מיט אַליקן: אַ קנאַפּער שווימער, פלעגט ער פונדעסטוועגן זיי אויף צולהכעיס שטענדיק פאַרשווימען ווייטער פון די בויעס.

# טאָגטעגלעכקייט

# טאָגטעגלעכקייט

די ברידער לימקאָווס זיינען אַרויסגעפאָרן קיין אַמעריקע אין איין און אַכציקסטן. זייערע עלטערן און די מומע ליובע, דער מוטערס עלטערע שוועסטער, האָבן געקוקט אויף דעם צווילינג דורך אַ געדיכטן נעפּל פון טרערן, ווען יענע –ביידע קליינוואוקסיקע, געלע און ניט אינגאַנצן ניכטערע נאָך דער רעשיקער אַרויסבאַגלייטונג – האָבן אויפן זיי־געזונט אַ מאַך געטאָן פריילעך מיט די הענט און זיינען נעלם געוואָרן הינטער די קוליסן פונעם נאָך גאָר אַ נייעם אַרעאָפּאָרט „שווערעמעטיעוואָ 2“, וועלכן די מערב דייטשן האָבן געהאַט אויסגעבויט ערב דער מאָסקווער אָלימפּיאַדע.

עמעצער פון די זינס חברים – דאַכט זיך דאָס שוואַרצחנעווודיקע מיידל וואָס איז אָפּגעזעסן כמעט די גאַנצע נאַכט אויף די קני ביי עפּעס אַ ריז מיט אַ געשטריקטער יאַרמלקע – האָט אַריינגעשטופּט דער מוטער, קאַטיע לימקאָוו, אַ מענזורקע מיט קאָרוואַלאָל. וואַרגנדיק זיך מיט דער ביטערער פּליסיקייט, האָט קאַטיע געטראַכט וועגן דעם, אַז אין די נייע זשילעט קאָסטיומען פון בעזש קאָליר זיינען אירע זין אַוועקגעפאָרן גאָר ווי וואַזשנע לייט.

אין משך פון אָנדערהאַלבן יאָר, זינט די זין האָבן אָנגעגעבן אויף אַרויסצופאָרן, האָט זי געהערט, ווי אַלע אַרום איר טענהן רק וועגן זשילעט קאָסטיומען. כלומרשט, ס'איז לעבנסוויכטיק צו זיין לייטיש אָנגעטאָן, דאָס הייסט אויסגעפּוצט אין אַ זשילעט קאָסטיום, ווען מע וועט

האָבן צו טאָן מיט די קלערקן, וואָס באַשליסן דעם גורל פון עמיגראַנטן, סיי אויף די איבערלאָד־פּונקטן אין ווין און אין איטאַליע, סיי שוין אויפן אָרט – אין אַמעריקע. מיט דריי וואָכן צוריק, ווען זי האָט זיך צופעליק אָנגעשטויסן אויף די דאָזיקע פינלענדישע קאָסטיומען אין אַ קראָם לעבן דער מעטראָ סטאַנציע „סאָקאָל", האָט קאַטיע דערפילט אַ פאַרלייכטערונג. דאָס איז געווען אַ געפיל ביז גאָר אַ זעלטענער פאַר אָט דער נערוועזער פרוי מיט פילצאָליקע בולט אויסגעשפּראָכענע קאָמ־פּלעקסן פון שיער ניט דער סאַמע באַעוולטער אין איר אוניווערסיטעט גרופּע. אַנדערע מיט־תלמידים אירע, מיט בעסערע אַנקעטעס אָדער פּראָטעקציעס, האָבן פריער צי שפּעטער זיך איינגעאָרדנט אין מער פּרעסטיזשע ערטער.

מיט באָריס לימקאָוון, אַ פאַרזעסענעם בחור מיט אַ ברייטער ערודיציע און אַ שעמעוודיקן שמייכל פון פּיער בעזוכאָוון, האָט מען זי באַקענט שוין אויפן לעצטן קורס, ווען עס זיינען נאָענט געוואָרן די אויסזיכטן דורכצופירן עטלעכע יאָר אין אַ דאָרף שול, ערגעץ אין דער טולער אָדער סמאָלענסקער געגנט. שפּעטער פלעג זי ניט איין מאָל צוטראַכטן פאַר אירע זעאונגען די דעקאָראַציעס פון אַ דאָרפיש געסל מיט פאַרשנייטע הילצערנע שטיבער: זי גייט, פאַרמאַטערט נאָך אַן אַרבעטסטאָג, און אַלע תושבים באַגריסן זי מיט דרך ארץ; אָדער אָט גייט איר אַנטקעגן אַ מין אַליאָשאַ פּאָפּאָוויטש – ער איז אַ בריגאַדיר, אָדער אַן אַגראָנאָם, אָדער אַפילו אַ פאַרטאָרג פונעם אָרטיקן קאָלווירט: דערנאָך, שוין וועסנע צייט, הוליעט דאָס גאַנצע דאָרף אויף זייער חתונה. דער עולם איז שיכור און גליקלעך, און איר אַליאָשאַ פּאָפּאָוויטש (צומאָל רופט מען אים טאַקע אַלעקסיי, אָבער אָפטער הייסט ער אַנדריי צי גלעב) גייט צו צו קאַטיעס עלטערן, וועלכע סטאַרען זיך אומזיסט איינהאַלטן די טרערן, און ער זאָגט זיי: „טייערער באַטיאָ! טייערע מאַמאַניאָ! זאָרגט זיך ניט, כ׳וועל

צעקאַליעטשען יעדן איינעם, ווער ס׳וועט נאָר אַ טראַכט טאָן וועגן באַעוולען מיין קאַטערינע...״

פינף יאָר האָט זי מיט באָריסן ניט געהאַט קיין קינדער. זי האָט געהערט, ווי איר פאָטער האָט אַ בורטשע געטאָן דער מוטער, אַז „זיך ריכטן אויף אַ קול מבשר, שלאָפנדיק מיט אַזאַ ליימענעם גולם, איז אַ פוסטע טירחה״. און דער אַלטער לימקאָוו, וועלכער פלעג זיך אויפשטיין סאַמע אינדערפרי און, הילכיק אַרויסלאָזנדיק די בויכווינטן, קורסירן איבערן קאָרידאָר, האָט אַמאָל איבערגעכאַפּט דעם זון, ווען יענער איז אַרויס אין אָפּטרעט, און שטרענג געפרעגט: „נו, דיין בת־מלכה קלייבט זיך סוף כל סוף אַרויסקאַקן אַ קינד?״

דער שווער, אַ בייזע באַגרעבעניש מיט באָלכעוואַטע אויגן און קרומע פיס אונטער אַ ריזיקן שלאַבעריקן בויך, האָט פיינט געהאַט זיין איידל־געפּאַטשקעטע (ווי ער האָט געהאַלטן) שנור. קאַטיע האָט ניט געוואוסט, פון וואַנען עס שטאַמט דעם שווערס בייזקייט: צי פון זיין פיליאָריקער אַרבעט אין פּראָקוראַטור, צי פון דער שפּעטערדיקער אויפקלערעריש־אויפדעקערישער טעטיקייט אין דער געזעלשאַפט „קענטעניש״, צי ער האָט זיך אַזוי צעבייזערט שוין אין די לעצטע פופצן יאָר — אין גאַנג פון זיין טאָגטעגלעכן קאַמף מיטן עם־הארצות פונעם טשערקיזאָווער* מנין אין דער קאָרשול. אַזוי אָדער אַנדערש, אָבער פאַרן אַלטן לימקאָוון האָבן ביז זיין סאַמע טויט געציטערט ניט בלויז די משפּחה און דער מנין, נאָר אויך אַלע אַרומיקע קלייטן: זייערע אַרכיוון פאַרהיטן נאָך אפשר דעם אַלטנס פילצאָליקע שאַרף אָנגעשריבענע עצות און אָנקלאָגן.

ווען קאַטיע האָט לסוף געהאַט די זין, איז איר באַשערט געווען

---

*) טשערקיזאָווע — אַ ראַיאָן אין מאָסקווע וועלכער איז אין די 1910־1960ער יאָרן געווען געדיכט באַפעלקערט מיט יידן.

אויסהערן פונעם שווער אָן אַ צאָל פּירושים בנוגע אירע כשרונות פון אַ מוטער. וועגן אירע „פּוילע שטיק“ און „ליימענע הענט“ האָט געוואוסט די גאַנצע מאָסקווער צווייג פונעם געזינד לימקאָוס, וואָס האָט געלאָזט שפּראָצונגען פון אַ קאָראָסטענער טעסלער און אין משך פון די לעצטע זעכציק יאָר זיך פאַנאַנדערגעזעצט אין אַ טוץ דירות אין איזמאַילאָוואָ, אין סאָקאָלניקי, ווי אויך אַפילו אויפן קוטוזאָווסקי פּראָספּעקט...

ווען די זין האָבן צום לעצטן מאָל סינכראָניש אַ מאַך געטאָן מיט די הענט, כדי דערנאָך פאַרשוואונדן ווערן ערגעץ אין דער טיפקייט פונעם אומגעהייערן אַעראָפּאָרט, האָט באָריס לימקאָוו אַנטשיידן באַשלאָסן, אַז ער מיט דער פרוי זיינען פאַרבערעכער. ער האָט געדאַרפט אָנשפּייען אויף אַלץ: אויף זיינע דריטהאַלב הונדערט רובל אַ חודש, אויף דעם „דרייצנטן געהאַלט“*, אויף דער קליינגאַבאַריטישער דירה לעבן דעם פּאַרק „סאָקאָלניקי“, – און זיך לאָזן נאָך די קינדער. שוין אָפּגעשמועסט פון דעם אַז, וועדליק ער האָט פאַרשטאַנען דעם פּאַרטאָרג זייערן, וועט מען אים איצט געוויס אויסשליסן פון דער פּאַרטיי, הייסט עס – ווידער שטעלן זיך אין די רייען פון געוויינלעכע פּלאַנאָוויקן, צוריק אינעם שטאַנד פון וועלכן ער איז קוים אַרויסגעקראָכן נאָך צוואַנציק יאָר אומעטיקער האָרעוואַניע.

דאָס שולד געפיל האָט זינט יענעם מאַי פרימאָרגן פון אייך און אַכציקסטן תמיד געטאָטשעט באָריס לימקאָוון, באַזונדערס ווען ער האָט ניט געהאַט פון זיינע זין קיין פריילעכע בשורות. וועגן אַנדערע עמיגראַנטן האָט ער געהערט גאָלע מעשיות פון הונדערט און איין נאַכט: דער האָט געעפנט אַן אייגענע פירמע, אַן אַנדערער – געקויפט אַ הויז מיט אַ באַסיין. און זיינע זין האָבן געהאַלטן אין איין זוכן גליקן. אָט האָבן זיי סוף כל סוף געפונען אַ פירמע לויט זייער ספּעציאַליטעט, אָבער אין אַ

*) אַ פּרעמיע (באָנוס) צום סוף יאָר.

האַלב יאָר אַרום וווּזט זיך אַרויס, אַז זיי זיינען ניט אין שטאַנד אויסהאַלטן דעם ריטעם פון אַזאַ אַרבעט. זיי זוכן אונטער פאַר זיך אַנדערע פירמעס; צוליב דעם מוזן זיי פאַרלאָזן באָסטאָן און זיך איבערקלייבן אין פאַרשיידענע שטעט, איינער – קיין דעטרויט, דער צווייטער – קיין סאַן־דיעגאָ. דאָרט דאַרף מען אָנהייבן אַלץ פונסניי.

דער זון פון דעטרויט האָט חתונה מיט אַ מיידל, וואָס שטאַמט פון טשערנאָוויץ. אין אַ צייט אַרום דערוויסט ער זיך, אַז זיין פרוי באַהאַלט אויס אין ניו־יאָרק, ביי אירע עלטערן, אַ קינד וואָס איז ניין יאָר אַלט און וועמענס פאָטער פאַרנעמט זיך מיט שמוגלעריי ערגעץ אין אייראָפּע. דער דעטרויטער לימקאָוו איז געוואָרן אויסער זיך און האָט באַשלאָסן זיך גטן מיטן ווייב. אָבער צו אים זיינען געקומען דעם ווייבס צוויי ברידער און אַ פעטער – אַ מרה־שחורהדיקער ווערגעלעץ מיט קולעקעס פון אַ קצב פון דור דורות, און אַדאַנק אַן ערנסטן און אויפריכטיקן מענער־שמועס איז געראַטעוועט געוואָרן די פאַמיליען־נעסט.

דער זון פון סאַן־דיעגאָ האָט געשריבן אין זיינע בריוו, אַז ער וויל זיך אַרויסרייסן פון דער עמיגראַנטישער סביבה, צוליב דעם האָט ער אַפילו באַשלאָסן איבערלייענען אַלע לערנביכער פון אַן אַמעריקאַנער „סעקאָנדערי סקול", כדי בעסער פּאַסטן צום קולטור ניוואָ פון זיינע מיטבירגער. ער האָט אויך געשריבן, אַז ער זיצט אָפּ גאַנצענע אָוונטן און מאַכט נאָך די טעלעוויזיע דיקטאָרן, וואָס איז פעולהדיק פאַר זיין אויס־שפּראַך, – ניט זעלטן נעמט מען אים שוין אויף פאַר אַ הי־געבוירענעם. דער אַפּאָטעאָז פון זיין אַמעריקאַניזאַציע איז געוואָרן די חתונה מיט אַן אַלטגעזעסענער אַמעריקאַנער מויד – איר זיידע איז אַרויסגעפאָרן נאָכן קעשענעווער פּאָגראָם. קיין מאָסקווע, אויף דער גאַסטעלאָ גאַס, זיינען אָנגעקומען קאָלירטע פאָטאָס פון דער חתונה: אָט שטעלט מען די חופּה, אָט עסט מען אין אַ כינעזישן רעסטאָראַן, אָט גייען אַלע אַרויס נאָך דער מסיבה... באָריס און קאַטיע האָבן לאַנג באַטראַכט די בילדער, ביז ליובע,

קאַטיעס שוועסטער, האָט ניט אַרויסגעזאָגט דעם אמת: „יאָ, מיט אַזאַ צורה בלייבט נאָר וואַרטן אויף בעלנים פון רוסלאַנד. אפשר איז זי כאָטש אַ רייכע".

די לימקאָווס אַליין האָבן געלעבט גענוג באַשיידן. קאַטיעס פּאָטער האָט אַ סך יאָר געהאַנדלט אין אַ טאַבעק קיאָסק אויפן טושינסקי מאַרק, און צומאָל פלעגט ער – אַן אַרויסלאָזניק פון דער וויניצער קאָמערץ שול – פאַרדינען גאָר ניט שלעכט אויף דער לינקער סחורה פון טאַבעק פאַבריקן. אָבער דער דיפּלאָמירטער סוחר, שוין אַ בן ששים, האָט זיך פאַרליבט אין דער אלמנה פון זיין שותף, און די זין פון אָט דער אויסגעקרימטער פון פּאָליאַרטריט פרוי האָבן גיך אויסגענאַרט דאָס גאַנצע שפּאָר־פּעסעלע זיינע.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט באָריס לימקאָוו באַקומען אַ ירושה. אין קיעוו איז געשטאָרבן זיין איינזאַמער פעטער – אַ באַוואוסטער זאַמלער פון אַנטיקוואַריאַט. די קאָלעקציע גופא איז, לויטן פעטערס צוואה, אָפּגעגאַן דער מלוכה, און באָריס איז געוואָרן אַ באַזיצער בלויז פון עטלעכע טויזנט רובל. דאָס געלט האָט געלייזט די פּראָבלעם פון אויסהאַלטן די זין אין משך פון כמעט צוויי יאָר, כל־זמן זיי האָבן געוואַרט מע זאָל זיי אַרויסלאָזן פונעם לאַנד; אויף דעם ירושה געלט איז פאַר דער נסיעה געוועז אויך איינגעקויפט אַלץ, וואָס מענטשן האָבן קאַטיען אונטערגעזאָגט.

ביים אינסטיטוט, אין וועלכן באָריס לימקאָוו האָט געהאָרעוועט שוין אַריבער דרייסיק יאָר, עקזיסטירט אַ זאַוואַדיקל, וואו מע אַרבעט אויס די אַזוי גערופענע ערשטע מוסטערן פון דער נייער פּראָדוקציע. מיטן צעך פון עלעקטראָניק האָט אויף אָט דעם פּראָוו־זאַוואָד אָנגעפירט מיראָן סערכעל – אַ סוטולעוואַטער, מיט געדיכטע וואָנצעס שוויצער, פון די יידן, וואָס זיינען שטענדיק קליגער פון אַלעמען און האַלטן, אַז זייער

זעלטענע קלוגשאַפט טאָר מען ניט אויסבאַהאַלטן פון אַנדערע מענטשן, ניט אַזוי באַשענקטע מיט אָט דער מעלה.

לויט אַ צונויפפאַל, איז סערכעלס טאָכטער אַרויסגעפאָרן אין איין צייט מיט לימקאָווס זין. דער פאַקט האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט ניט דערנענטערן ביידע מאַנצבלען, וועלכע האָבן זיך פריער געהאַלטן געגוג אָפּגעפרעמדט: לימקאָוו האָט בכלל פיינט געהאַט אַזעלכע פּיפּיקע מענטשן, און סערכעל פלעגט שטענדיק קוקן פון אויבן אַראָפּ אויף דער גאַנצער פלאַניר־בוכהאַלטערישער חברותא. אַלס גוטע פריינט האָבן זיי זיך צום ערשטן דערפילט נאָך דער פאַרזאַמלונג, בשעת וועלכער לימקאָוון האָט מען אויסגעשלאָסן פון דער פאַרטיי, און סערכעלן, ווייבאַלד ער האָט זיך פאַרצווייפלט געשלאָגן על־חטא, איז אין זיין מיטגליד קאַרטל אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ שטרענגער אויסרייד.

לכתחילה פלעגט זייער פריינטשאַפט זיך אַנטפלעקן אין האַרציקע באַגריסונגען. שפּעטער האָבן זיי אָנגעהויבן זיך טיילן מיט ידיעות פון זייערע קינדער, מיט „יידישע קלאַנגען" בכלל, און לסוף, בערך אין אַ יאָר אַרום, האָט מיראָן איינגעלאַדן די לימקאָווס פאַרברענגען צוזאַמען דעם ערשטן סדר.

דעם סדר האָט געפראַוועט סערכעלס אַ שכן – עפעס אַ בקי אין מאַטעמאַטישע מאָדעלן פאַר זוכן (און, נאָך זיין און זיין ווייבס אַנטאָן נאָך, פאַר ניט געפינען) נייע געבויר־ערטער פון נאַפט. קודם כל האָט ער אויסגעזידלט מיראָנס ווייב – אַ לאַכעוודיקע פּאַמפּושקע אין ליגנדיקע איר צום לייב „געקאָכטע" דזשינסן – הלמאַי זי האָט געקויפט אונגערישע הינער און מאַרקע פּאָרטוויין. דערביי האָט ער דערקלערט מוסר־השכלדיק, אַז ער גופא האָט זיך באַזאָרגט אַפילו מיט אַ טוביקל ציינפּאַסטע, וואָס איז אויסגעאַרבעט אין ישראל און האָט דעם אויפשריפט „כשר לפסח". סוף כל סוף האָט ער אָנגעהויבן פּאַמעלעך לייענען די הגדה, פריער אויף העברעאיש און דערנאָך אויף רוסיש.

קאַטיע, וועלכע איז, גלייך ווי אַלע, געקומען נאָך אַן אַרבעטסטאָג, האָט אין אַ האַלבער שעה אַרום אַ שעפּטשע געטאָן באָריסן:

– נאָך אַ ביסל, און כ'וועל חלשן פון הונגער.

לימקאָוו האָט אַ קוק געגעבן אויפן ווייב מיט שרעקלעכע אויגן, וואָס האָט באַטייט אַז מע דאַרף זיך פירן לייטיש, אַז ער טרוימט אויך וועגן אַ שטיקל שפּייז. זיצנדיק ביים טיש, האָט ער זיך דערמאָנט אין זיין זיידן – אויף וויפל נאַטירלעך און יום־טובדיק איז געווען יענעמס פרומקייט.

שפּעטער, נאָך עטלעכע קעלישקעס וויין, האָט סערכעלס עלטערער זון, אַ פּעטלייביקער קאַפּיטאַן פון אינערן־מיליטער, לאַנג דערציילט וועגן זייער מוסטערהאַפטער קאָלאָניע*.

– שטעלט זיך פאָר! – האָט ער געשריגן, – אונדזערע תּפיסהניקעס האָבן פאַר די לעצטע צוויי יאָר ניט געהערט פון אונדז קיין איין יופּע! – און נאָך אַ היפּשער פּאַוזע, וועלכע האָט געדאַרפט אַפּנים אַרויסהייבן די גראַנדיעזקייט פון אַזאַ בירגערלעכן אויפטו, האָט ער צוגעגעבן, גלייך ווי זיך פאַרענטפערנדיק, – צווישן זיך רעדן מיר, פאַרשטייט זיך, פריי. אָבער מיט די תּפיסהניקעס... – און ער האָט עטלעכע מאָל אַ טרייסל געטאָן אויף „ניין" מיט אַ הינער־פולקע וועלכע ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט.

בשעת דעם סדר האָט מיראָן פאָרגעלייגט באָריסן איבערגיין אויף „דו", און שוין אַלס בוזעם פריינט איז ער אָנגעפאַלן אויף אים:

– הער מיך אויס, פאַרוואָס פאָרסטו ניט צו די קינדער?

– ווער דאַרף מיך דאָרטן? די זין מיינע זיינען ניט אַזוי רייך, איך זאָל קאָנען זיך אָנלייגן אויף זייער קאַרק. און סיי איך, סיי קאַטיע זיינען מיר אין אַזאַ עלטער און האָבן אַזעלכע ספּעציפישע פּראָפעסיעס, אַז אין

---

*) דאָ: אַ מין טורמע.

אויסלאַנד וועלן מיר גלייך ווערן לופטמענטשן. — אָט אַזוי פּרטימדיק, ווי געוויינלעך, האָט געענטפערט באָריס.

— צו גאַסט קאָנט איר דאָך אָבער פאָרן? — האָט ניט אָפּגעטראָטן מיראָן. אויף זיין פּנים איז געווען אָנגעשריבן, אַז אים דענערווירט אַזאַ באַטראַכטקייט.

— דאָס איז צו טייער פאַר אונדז.

— אָ! — מיראָן איז פריילעך אויפגעלעבט געוואָרן, ווי אַ לערער וואָס האָט מיט גרויס מאַטערניש טאַקע אויסגעקוועטשט פון זיין תלמיד אַ ריכטיקן ענטפער. — גראָד וועגן דעם וויל איך מיט דיר רעדן. — ער האָט זיך איינגעקלאַמערט אינעם אַרבל פון באָריס׳ פּידזשאַק און פאַרשלעפּט זיין גאַסט אין קיך. — דאָ קאָנען מיר רואיק שמועסן, — האָט ער דערקלערט באָריסן און אים אַוועקגעזעצט אויף אַ פאַרשמאָלצעוועטן טאַבורעט. — דו פאַרשטייסט מסתמא, אַז איך קאָן אויך ניט פאָרן אויף שטענדיק. מיין עלטערער תכשיט איז אַזוי איינגעליבט אין זיינע אורקעס*, אַז די מלוכה וועט זיך אָן אים ניט באַגיין.

עטלעכע רגעס האָט ער געשוויגן, אַרויסקוקנדיק אויף אַ געהעריקער אָפּשאַצונג פון זיין הומאָר. באָריס איז אָבער געזעסן גאַנץ פאַראומערט. ער האָט זיך פאַרטיפט אין טרויעריקע השערות וועגן דעם, וואָס קאָן עס זיין פאַר אַ פליסיקייט אויפן טאַבורעט, וועלכע האָט שוין גענומען דורכזאַפּן זיינע הויזן. ביי אים איז איין מאָל געווען אַן ענלעכע איבערלעבונג, ווען אויף זיין חתונה האָט עמעצער צופעליק צי בכיוון אַוועקגעשטעלט אים אויפן בענקל אַן אָפּן פושקעלע מיט שפּראָטן. צו אַלע גליקן איז באָריס׳ מוטער געפאַלן אויף אַ שכל אויסשיטן אויפן פלעק אַ פול זאַלצמעסטל, נאָך וואָס קאַטיע איז אַ פאַרוויינטע אַרויסגעלאָפן פונעם באַנקעט זאַל, כדי ניט זען איר באַזאַלצטן מאַן...

*) די געזעץ ברעכער.

מיראָן האָט לסוף באַשלאָסן, אַז ער האָט צו טאָן מיט אַ קאַלטן מלאך, וועלכער וועט ניט רעאַגירן אויף זיין סובטילן הומאָר, און האָט פאָרגעזעצט:

– איך האָב אַ שוועסטערקינד, און זיין זון איז איצט געוואָרן אַ גאַנצער מאַכער מיט די קאָמפּיוטערס. דאָס געשעפט איז אַזאַ: זיי קויפן איין אַ קאָמפּיוטער, וועלכן מע ברענגט פון אויסלאַנד, שטופן אין אים אַריין עפּעס אַ פּראָגראַם און פאַרקויפן שוין אַלס זייער אויסאַרבעטונג. פאַרשטייט זיך, טייערער. דאָס איז אָבער זייער עסק. דער סאַמע עיקר איז, אַז פאַר אַ קאָמפּיוטער גיבן זיי עטלעכע צענדליק טויזנט רובל. דו באַנעמסט?

– כ׳באַנעם, – האָט זיך גלייכגילטיק אָפּגערופן באָריס.

– אויב אַזוי, הער ווייטער. – מיראָן האָט זיך צוגערוקט נעענטער צו באָריסן. – אַ גוטער קאָמפּיוטער קאָסט אַריבער צוויי טויזנט דאָלאַר. קיינער פון אונדזערע קינדער קאָן זיך דערוויייל ניט דערלויבן אַזעלכע הוצאות. איך לייג פאָר צו קויפן אַ קאָמפּיוטער בשותפות.

ביי באָריסן האָט זיך אויפן פּנים באַוויזן אַ העוויה פון אַן אָפּענעם חידוש. „אַ טיפּש״, – האָט אין געדאַנק קאָמענטירט די סיטואַציע מיראָן, הגם ער האָט זיך איינגעהאַלטן און אויסערלעך רואיק פאָרגעזעצט:

– אין אַ פּאָר חדשים אַרום פאָר איך קיין אַמעריקע, צו דער טאָכטער. פאַר דער צייט קאָנסטו אָנשרייבן, אָדער נאָך בעסער אָנקלינגען דיינע זין און ביי זיי פרעגן, צי ס׳לוינט זיי אַריינגיין אין אַזאַ געשעפט. פאַרשטייסט? – האָט ער ווידער געפרעגט, דאָסמאָל שוין כמעט בייז. – איך ברענג אַ קאָמפּיוטער, פאַרקויף אים דורך מיין קרוב און דאָס געלט צעטיילן מיר צווישן זיך. פאַרשטייסט?

באָריס האָט געשוויגן. אים איז שווער געווען זיך קאָנצענטרירן אויף מיראָנס פאָרשלאָגן. עס האָט אים ניט געלאָזט צורו דאָס דענקען וועגן דעם גורל פון זיינע נייע הויזן, דערצו נאָך האָט ער מיטאַמאָל

אָנגעהויבן פּילן אַן אָנזאָגעניש אויף אַ גאַסטריט אָנפֿאַל. באַמערקנדיק אָבער, אַז מיראָנס פּנים הייבט אָן אויפֿצוקן אַ נערוועזער דיאַגאָנאַל טיק, האָט ער זיך געאײַלט ענטפֿערן:

— איך דאַרף עס אַרומרעדן מיט קאַטיען.

אַהיים זײַנען די לימקאָווס געקומען אין אַ שלעכטער שטימונג. אמת, אויסגעטאָן די הויזן, האָט באָריס אויף זײַ ניט געפֿונען קיין איין פֿלעק. דער גאַסטריט האָט זיך אויך ניט צעשפּילט. אַזוי אַז קיין קלאָרע סיבות פֿאַר מרה־שחורה זײַנען ביים פֿאַרפֿאַלק ניט געווען.

די וועגעטאַטיווע נערוון־סיסטעם פֿון אַ הויפּטשטאָטישן תּושב איז אָבער אַ ביז גאָר דעליקאַטע סובסטאַנץ. זי רעאַגירט אָפּטמאָל אויף אַזעלכע אויפֿרייצערס, וועלכע עס האָבן דאַכט זיך ניט פֿאַרפּיקסירט אַפֿילו די חושים. ווי קאָן מען למשל פֿאַרטייטשן אַ מיזאַנסצענע, ווען אַ מענטש צעקריגט זיך מיטאַמאָל אין מעטראָ מיט אַן אַנדער פּאַסאַזשיר מחמת יענער (אָדער יענע) האָט זיך אפֿשר לעפּיש אַ קער געטאָן און אים שיער ניט אַ שטופּ געטאָן. און דער זעלבער מענטש קאָן קומען אַהיים אַ פֿריילעכער, אַפֿילו אַ גליקלעכער נאָך אַ גאַנצער נאַכט וואָס ער איז אָפּגעשטאַנען אויפֿן פֿראָסט, כּדי אײַנדערפֿרי — ווען עס האָט זיך אײַנגעגעבן אָפּצושטופּן דעם עולם פֿון אַן אַלטערנאַטיווער, נעכטן צונויפֿגעשטעלטער ריי, ווען מע האָט ניט צוגעלאָזט צום אַרײַנגאַנג אַן אינוואַליד און זײַן שטעקעלע האָט מען פֿאַרוואָרפֿן אויף אַ בוים, ווען די מיליציע האָט לסוף „אָרגאַניזירט" די ריי — נאָך אָט דעם אַלץ זיך אַרײַנרײַסן אין דער קלייט און קויפֿן (אַשטייגער) אַ פֿוטערן היטל, וואָס איז אַ ביסל גרויס (צי קליין) פֿאַר אים, אָבער קיין אַנדערע מאָסן זײַנען סײַ ווי ניט געווען...

יאָ, אַן אָפּגעריסן פֿון דער נאַטור וועזן, וואָס לעבט אין אַ נערוון־קאָנצענטראַט פֿון אַ ריזיקער שטאָט, ווערט הויל פֿאַרן אומפּילבאַרן, אומאָנזעעוודיקן, אומהערעוודיקן „עפּיר", פֿאַר דער אָקולטישער,

נסתרדיקער וועלט, וועלכע פירט אַ גרויסן שטאַט אין די מוראַשניקעס פון הייזער – סיי געמויערטע, סיי צונויפגעלייגטע פון בלאָקן, סיי מיט פאַרבעסערטער אויספּלאַנירונג. אין די דירות פון אָט די הייזער גייט אַ טאָגטעגלעכער קאַמף מיט דער דאָזיקער פאַרבאָרגענער וועלט: מע טרינקט וואַלעריאַנקע און סעדוקסען, מע שמדט זיך און מע איז זיך מגייר, מע ציטערט פאַר אַ געדאַנק אַז איבער זייער גורל און לעבן רעגירט אומברחמנותדיק צי אַ ציוניסטישע מאַסאָנישע לאָזשע, צי אַ האָמענאָיד – אַ פרעמדפּלאַנעטישער פּנים־חדשות וואָס פליט אַרום איבער דער גאָרער וועלט אין אַ זילבערנעם טעלער...

די לימקאָווס האָבן איינגענומען אַ שלאָפמיטל און זיך געלייגט אין בעט, פּינקטלעכער – אויף אַ בעט־דיוואַן, וועלכן קאַטיע האָט מיט אַ יאָר פופצן צוריק גאָר צופעליק געקויפט אויף דער פּעטראָווקאַ גאַס.

– קאַטיע, – האָט געלאָזט זיך הערן באָריס, – מיראָן האָט מיר פאָרגעלייגט צו קויפן בשותפות אַ קאָמפּיוטער.

דאָס ווייב האָט בייז אַ מרוקע געטאָן אין קישן. איר זיינען שוין פון לאַנג געווען באַוואוסט דעם מאַנס שיכורע שטיק: פאַר די מענטשן האַלט ער זיך ווי אַ לייט, אָבער ס׳איז גענוג אַז זיי זאָלן בלייבן זאַלבעצווייט, ווי ער הייבט אָן דברען וועגן אַזעלכע נאַרישקייטן, וואָס זיינען ניט געשטויגן און ניט געפלויגן. אַשטייגער, נאָך ליובעס אַ געבוירנטאָג האָט ער זיך צוגעטשעפּעט צו קאַטיען, צי איר שוועסטער האָט אַן אוניטאַז. און יעדעס מאָל טראַכט ער אויס עפּעס אַ נייע אידיאָטישקייט.

– קאַטיע, כ׳בין ניט שיכור, – האָט באָריס ריכטיק פאַרשטאַנען דער פרויס מרוקען. – ער לייגט פאָר, אַז זיין טאָכטער און אונדזערע זין זאָלן צוזאַמען קויפן אַ קאָמפּיוטער, און דאָ קאָן מען אים פאַרקויפן פאַר עטלעכע צענדליק טויזנט רובל. דו הערסט?

קאַטיע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַ ווײַלע געקוקט דורכדרינגענדיק אויפן מאַן, זיך אָוועקגעלייגט אויפן רוקן און געפרעגט:

– וואָס זשע האָסטו אים געענטפערט?
– אַז איך וועל רעדן מיט דיר.
– ווי דען! אַלץ וואַלגערסטו אַרויף אויף מיר. זאָג נאָך, אַז איך וועל שטיין אויפֿן מאַרק און האַנדלען מיטן קאָמפּיוטער.
– ניין, מיט דעם פֿאַרנעמט זיך מיראַנס אַ פּלימעניק.
עפּעס אַ צייט האָבן זיי ביידע געשוויגן.
– גוט, – האָט פֿאַרסאַכאַקלט אירע רעיונות קאַטיע. – באַלד וועל איך באַשטעלן אַ שמועס מיט אַמעריקע. אפשר איז דאָס טאַקע כדאַי.
זי איז אויפֿגעשטאַנען און אַוועק צום טעלעפֿאָן.

מיראַנס פּלימעניק איז געווען אַ שווייגוודיקער יאַט פֿון אַ יאָר דרייסיק. קאַטיע און באָריס האָבן זיך מיט אים באַקענט אין „שערעמעטיעוואָ", ביי דער ניט־דורכזיכטיקער וואַנט, וועלכע טיילט אָפּ די צאָלאַמט זאָנע פֿון די רחבותן, וואו ס'איז גילטיק דער דריטער דור פֿון ניט־קאָנווערטירטע רובלען.

סוף כל סוף האָבן זיי דערזען מיראַנס שטראַלנדיק פּנים – אַן ערך מיט אַזאַ געזיכטס־אויסדרוק האָט גאַגאַרין געשפּאַנט צו כרושטשאָוון איבערן רויטן קאָברעצל בשעת דעם פֿייערלעכן קבלת־פּנים פֿונעם ערשטן קאָסמאָנאַווט.

נאָך די ערשטע „ווי", „וואָס" און „וואו" האָט דער פּלימעניק אויסגעקלאָרט, וואָסער אַ קאָמפּיוטער עס האָט געבראַכט מיראָן.

– כ'גלייב, אַז פֿאַר אַזאַ שפּילכל וועט איר באַקומען קרוב צו פֿופֿציק „שטיקער"* – האָט ער אַרויסגעזאָגט זיין אויטאָריטעטע מיינונג.

סיי קאַטיע, סיי באָריס האָבן איינצייטיק דערפֿילט אַ מין בויכדרייעניש. פֿינף און צוואַנציק טויזנט! אַזאַ סומע האָט פֿאַר זיי ביידן

*) טויזנט רובל.

פּאָרויסגעזען דער פינפיאָריקער פּלאַן, דאָס הייסט יעדערן צו אומגעפער צוויי הונדערט רובל אַ חודש. און דאָ – דאָס זעלבע, אָבער מיט איין מאָל, דערצו ניט אָנשטאָט דעם געהאַלט, נאָר צוגאָבלעך נאָך. זיי האָט זיך געוואָלט דערהערן נאָך עפּעס וועגן זייער רווח, כדי זיך ווידעראַמאָל איבערצייגן, אַז ס׳איז ניט קיין האַלוצינאַציע. און זיי האָבן דערהערט:

– דאָס געלט וועט איר באַקומען ניט שפּעטער, ווי אין אַ חודש אַרום.

די קומענדיקע וואָכן זיינען פאַר קאַטיען געווען פאַרנומען מיט אויסזוכן קאָנטאַקטן, כדי קויפן מעבל. מיט די זין איז ביי איר געווען אַ צונויפגערעדטקייט, אַז דאָס געלט פאַרן קאָמפּיוטער דאַרף מען אַריינלייגן אין מעבל, וואָס וועט אָפּגעשיקט ווערן קיין דעטרויט און סאַן־דיעגאָ. זי האָט זיך געסטאַרעט ניט מאריך זיין וועגן דעם דאָזיקן פּלאַן, און באָריסן האָט זי אויך אָנגעזאָגט, ער זאָל מאַכן אַ שווייג. ס׳איז, פאַרשטייט זיך, ניט קיין סוד, אַז אירע זין האָבן נאָך ניט פאַרדינט אין אַמעריקע זייער ערשטן מיליאָן. און דאָך שיקן פון דאַנען מעבל – אַזוינס האָט זי אַליין ניט געהערט. די לאָגיק זאָגט אונטער, אַז מעבל גאַרניטור איז פּרינציפּיעל ניט ערגער פון מאַטריאָשקעס און רוסישע פּאַטשיילעס, אָבער גיי דערוויז יעדן איינעם די דאָזיקע לאָגיק. דער עולם פאַרטייטשט עס אויף זיין אופן: בלויז אַ קבצן־שבקבצן קאָן זוכן מציאות אין אַ לאַנד, וואו עס הערשט דער סאָציאַליסטישער חורבן.

בינו לבינו האָט דער קאָמפּיוטער – מעבל געשעפט אַרויסגערופן ביי קאַטיען אַ צופלוס פון כוחות. גלייכצייטיק מיט זוכן עפּעס אַ צוטריט צו די באַגערטע גאַרניטורן האָט זי באַשלאָסן מאַכן אַן אָרדענונג אין זייער דירה, וועלכע איז באמת פאַרשטעלט און פאַרלייגט געווען מיט כלערליי כלאַם וואָס איז נאָך געבליבן פון באָריס׳ עלטערן. אַלס פועל יוצא פון אָט

דער אַקציע איז אין משך פֿון עטלעכע טעג אויסגעוואַקסן די אָנגעלאָדנקייט פֿון דער מיסטמאַשין, וועלכע רייניקט אויס די קאָנטיינערס לעבן זייער הויז.

אין די זעלבע טעג איז באַשלאָסן געוואָרן פּטור ווערן אויך פֿון דער פּערענע, וועלכע האָט פֿאַרנומען כמעט דעם גאַנצן אַנטרעסאָל. אַרויסוואַרפֿן דעם ריזיקן זאַק מיטן פּוך פֿון די עופֿות, וועלכע מע האָט געשאָכטן ערגעץ אין דער וואָלינער אָדער זשיטאָמירער גובערניע אפֿשר נאָך בעת דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה, האָט זיך ביי קאַטיען ניט געהויבן די האַנט. אַזוי האָבן זיך אויף עטלעכע סלופּן באַוויזן מעלדונגען, אין וועלכע דער גרויסער שאַפֿטלעכקייט פֿון זייער מיקראָ־ראַיאָן איז געגעבן צו וויסן געוואָרן וועגן אַזאַ פֿאַרקויף.

אינעם אָוונט, ווען מיראָנס פּלימעניק איז אַריינגעפֿאָרן צו די לימקאָווס, כדי זיך צעצאָלן פֿאַרן קאָמפּיוטער, האָט ער געטראָפֿן ביי זיי אַ געלן פֿאַרשוין אין גרויע וואָלענע אַליין־געשטריקטע שקאַרפּעטקעס און אין פּונקט אַזאַ סוועטער. זיצנדיק אויף די פּיאַטעס, האָט דער אומבאַקאַנטער באַטראַכט און באַטאַפּט די פּערענע.

— איר האָט אַ נאָדל? — האָט דער פֿאַרשוין געפֿרעגט ביי קאַטיען.

באַקומען אַ נאָדל, האָט ער אַ מאָל צען דורכגעשטאָכן די פּערענע אין פֿאַרשיידענע ערטער, דערנאָך איז ער אויפֿגעשטאַנען און מיטגעטיילט:

— די פּערענע איז פֿול מיט פּעדערן.

— וואָס הייסט מיט פּעדערן? — איז אויפֿגעבראַכט געוואָרן קאַטיע.

— איך קאַוויר אייך, אַז ס'איז אַ ריין פּוכאָווע פּערענע.

— באַלעבאָסטע, איך האָב דאָך נאָרוואָס אָנגעטאַפּט אַ סך פּעדערן,

— און דער קונה, בפּירוש אַן אַריינגעבראַכטער אין פּאַרדראָס, האָט דערלאַנגט קאַטיען די נאָדל, ווי אַ באַווייז, אַז אַלץ איז ערלעך, ווייל זי האָט אים אַליין, הייסט עס, באַזאָרגט מיט אַזאַ מכשיר.

– וואָס זשע ליגט איר פּאָר? – האָט גאַנץ אַגרעסיוו געפרעגט קאַטיע.

– איך האַלט, אַז אַזאַ פּערענע קאָסט ניט פינף און צוואַנציק, נאָר פופצן רובל.

– כאַ, – האָט אויסגעהויכט קאַטיע, דעמאָנסטרירנדיק דערמיט, אַז זי איז קאַטעגאָריש ניט מסכים מיט אַזאַ אָפּשאַצונג פון זייער רעליקוויע.

נאָך אָט דעם „כאַ" האָבן זיי זיך אַ מינוט צען ווילד־עקשנותדיק געדונגען. לסוף האָט מען זיך געגעבן תקיעת כף אויף דער פּרייז צוואַנציק רובל. צוויי צעקנייטשטע צענערלעך זיינען אַוועקגעלייגט געוואָרן אויפן טעלעוויזאָר, און דער איינגעשפּאַרטער בקי אין די איבערבעטן האָט אַרויסגעשלעפּט זיין קניה פון דער דירה.

אויף דער ריי איז געווען מיראָנס פלימעניק. ער האָט אַוועקגעלייגט אויפן טיש זיין דיפּלאָמאַט, געעפנט דעם קאָדירטן שלאָס און גענומען אַרויסלייגן פּעקלעך געלט – דרייערלעך און פינפערלעך, קרייצאַרטיק איבערגעבונדענע צו הונדערט באַנקנאָטן.

– דאָ איז פיר און צוואַנציק טויזנט, – האָט אונטערסאַכאַקלט דער קאָמפּיוטער הענדלער, אַרויסלייגנדיק דאָס לעצטע פּעקל. – שרייבט זיך אונטער, – האָט ער אונטערגערוקט באָריסן אַן אויסצאָל ליסטע.

– מע דאַרף אפשר איבערציילן... – האָט ניט זיכער אַריינ־געשטעלט קאַטיע.

– דאָס איז שוין אָן מיר. כ'וועל אַוועקגיין, און איר קאָנט ציילן און איבערציילן כאָטש ביז די דריטע האָנען קרייען.

אָט אַזאַ וואַריאַנט פון אַרבעט צעטיילונג איז גאַנץ מגושמדיק פאָרגעלייגט געוואָרן קאַטיען, און זי האָט אים טאַקע רעאַליזירט. די לימקאָווס האָבן זיך געלייגט שלאָפן אַרום דריי אַזייגער. ווען זיי האָבן שוין אויסגעשלאָסן די שיין, האָט זיך קאַטיע מיטאַמאָל צוגערוקט צו באָריסן און אים אַ שעפּטשע געטאָן אין אויער:

– לאָמיר זונטיק גיין אין „קאָסמאָס"? כ'בין דאָרטן ניט געווען...

אויסגעמאַטערט פון ציילן געלט, האָט זי מער ניט געקאָנט האָבן צו טאָן מיט ציפערן. כאָטש אין תוך גענומען איז דאָס געווען אַ פשוטע אויפגאַבע פון איין אַריטמעטישן רעכנאַקט – חיסור, וואָרעם דאָס לעצטע מאָל האָבן זיי אין אָט דעם קאַפע געגעסן מאַראָזשענע ערב זייער חתונה.

# חוה=יעווע

# חוה־יעווע

די געשיכטע מיט אַ נסיעה קיין ישראל האָט זיך געצויגן זייער פּאַוואָליע, קיינער האָט שוין ניט געגלייבט, אַז פון דעם וועט עפּעס אַרויסקומען. אַפילו דער שרייבער־סאַטיריקער, וואָס איז געווען אין אונדזער גרופּע, האָט אויך צום סוף אויסגעשעפּט אַלע רעזערוון פון זיין הומאָר, אַריינגעפאַלן אין סאַרקאַסטישן אומעט און זיך אַנטפּלעקט ווי אַן איינגעגעסענער נודניק.

– אַן אַלטער טיפּש בין איך, – האָט זיך מצער געווען דער פּערציקיאָריקער פּוכליק. – איך האָב זיך שוין באַלעקט צו זען דאָס צוגעזאָגטע לאַנד. מילא, אָן די היסטאָרישע מערקווערדיקייטן וועל איך זיך באַגיין, כ'בין ניט קיין בעלן אויף צו גלאָצן מיט די אויגן. מיין טרוים איז אַ קוק טאָן אויף די נייע יידן, ניט די אָדעסער אָדער מאָסקווער, נאָר טאַקע אויף די יידן פונעם יידישן לאַנד...

נאָר סאַמע ערב דעם טערמין פון אַרויספאָרן האָט די פּוילע ווי אַ שטעקן ביוראָקראַטישע מאַשין זיך פּלוצעם פאַנאַנדערגעיאָגט, און אין משך פון די פאַרבליבענע דריי טעג, איבערגעזעטיקטע מיט אַרומלויפעניש, האָט מען פאַר אונדז אויסגעפּאַרטיקט אַלע נייטיקע דאָקומענטן.

דאָס איילעניש איז געווען אויף אַזויפיל גרויס, אַז אין דעם אויסערן־מיניסטעריום האָט מען אַפילו אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויף אייניקע פאָרמאַליטעטן. למשל, איינער פון מיינע מיטרייזנדע, אַ דעפּוטאַט

פונעם אויבער־סאָוועט, האָט אין דער לעצטער רגע זיך געכאַפּט, אַז ער האָט ניט קיין פּאָטאָ פון דעם מוסטער, וועלכן מע פאָדערט פאַר די אויסלענדישע פּאַסן. איז ער טאַקע אַוועקגעפאָרן מיט אַ פּשוט קאַרטל, ווי פאַר אַ שיין אין ביבליאָטעק צי אין אַן אַנדער אַנשטאַלט פון ניט זייער אַ וויכטיקן גראַד. אַזאַ מילדע באַציאונג בנוגע אונדז האָט, ווי מיר האָבן פאַרשטאַנען, געשטאַמט פון די הויכע פענצטער, וואו עמעצער האָט די יאָזדע אָפּגעשאַצט ווי אַ געלונגענער גאַנג אין עפּעס אַ דיפּלאָמאַטישן פּאַסיאַנס.

בכן, מיט די פּעסער און וויזעס זיינען מיר געווען באַזאָרגט. ס'איז נאָר געבליבן די פראַגע פונעם פאָרן גופא. קריגן אַוויאַבילעטן גלייך קיין ישראל איז פאַר דעם קורצן צייט־געדויער געווען פּראַקטיש אויסגעשלאָסן. אויף אונדזער מזל זיינען אין דער גרופּע, אַחוץ דעם סאַטיריקער און אויך עטלעכע זשורנאַליסטן פון פאַרשיידענע שטעט, געווען צוויי קאָכלעפל פון דער יידישער באַוועגונג. זיי האָבן אויסגע־פועלט ביים ישראלדיקן קאָנסולאַט, וואָס האָט ערשט געעפנט פונסניי איינוואוינען די פאַרוויסטעטע געביידע אויף דער אַלטער מאָסקווער גאַס באָלשאַיאַ אָרדינקאַ, אַז אונדז וועט מען „אונטערכאַפּן" אין אַ באַליביקער איראָפּעאישער שטאָט, אַבי מיר זאָלן זיך אַרויסרייסן פונעם לאַנד. אין לעצטן סך־הכל – אַדאַנק די להאָטעס פון דעם דעפּוטאַט – האָט זיך איינגעגעבן צו קויפן בילעטן קיין ווין, וואו עס האָט אונדז געמוזט אין אָפּעקע די אָרטיקע פאָרשטייערשאַפט פון סוכנות. אַזוי זיינען מיר כמעט אויף אַ מעת־לעת געוואָרן תושבים פון אַ דירה, וועלכע האָט נאָך דעם פונסניי אויפגעלעבטן סאַטיריקערס התחלה גלייך באַקומען דעם נאָמען „די קאַטאָוונייע פון סוכנות".

אינדעראמתן איז די „קאַטאָווניע" געווען אַ געראַמע וואוינונג מיט אַ פּאָר צענדליק שלאָף־ערטער – טאַכטעס און צוויי־יאַרוסנע בעטן – און מיט אַ טעלעפאָן, וועלכער אַרבעט „אין איין זייט", דאָס הייסט, אַז ער

קלינגט, אָבער פון אים קאָן מען ניט קלינגען. די דירה האָט פריער געדינט אַלס איבערלאָד־פונקט פאַר דעם חלק יידישע עמיגראַנטן, פאַר וועלכע די ישראלדיקע וויזעס זיינען טאַקע געווען דער ענדציל און ניט סתם אַ דורכלאָז־שיין אין דער פרייער וועלט. צו דער צייט, ווען מיר זיינען געקומען קיין וויז, איז דער יידישער קאַראַוואַן וועג דורך דער עסטרייכישער הויפּטשטאָט שוין אַ ביסל צוגעשאָטן געוואָרן מיטן זאַמד פון געשיכטע, און מיר האָבן זיך געפילט ווי אַרכעאָלאָגן, וואָס שטעלן אויף די געשעענישן לויט אייניקע פאַרבליבענע סימנים: אַ פּעקל גרוזינישן טיי, קאָנפעקטן פון אַ מינסקער פאַבריק, אַלטע מאָסקווער צייטונגען...

אָפּעסן וועטשערע האָט מען אונדז איינגעלאַדן אין אַ רעסטאָראַן, וואָס איז ערגעץ אין אַ ביישטאָט. איינער פון די ישראלים איז געקומען מיט זיין פרוי, אַ ספּאָרטיוו אָנגעטאָן נפשל מיט בורשטין־געלע האָר. אַ געבוירענע אין ווילנע, האָט זי בעסער גערעדט יידיש איידער רוסיש, דעריבער כל־זמן די איבעריקע מסיבה האָט געפירט אַ הייסן „מאַנצבלשן" שמועס אויף דער אייביקער טעמע וועגן פאָרן צי ניט פאָרן, און אויב יאָ פאָרן איז צוליב וואָס, האָט יעווע (אַזוי האָט זי זיך פאָרגעשטעלט) מיר דערציילט וועגן אירע עלטערן, וועלכע האָבן זיך על־פּי נס געראַטעוועט פון געטאָ.

– איך פאַרשטיי, אַז נאָך אַלע שרעקלעכע נסיונות האָבן זיי געוואָלט וואָס גיכער אַרויספאָרן אין יידישן לאַנד, – האָב איך אַ גלאַנץ געטאָן מיט מיין המצאהדיקייט.

– ניין, – האָט זי מיך איבערגעשלאָגן, – דאָס איז געווען אויסשליסלעך מיין איניציאַטיוו. די עלטערן וואָלטן אפשר נאָך היינט געלעבט אין ווילנע. שולדיק איז מיין נאָמען. איר פאַרשטייט, זיי האָבן מיך אָנגערופן חוה, נאָך מיין פאָטערס שוועסטער, וועלכע איז אומגעקומען בעת דעם קריג.

– און מע האָט אייך, פֿאַרשטייט זיך, געדרייצט איבער אָט דעם נאָמען, – האָב איך זיך ניט איינגענומען.

– חס וחלילה. קיינער האָט מיך ניט געטשעפּעט. איך בין געווען אַזאַ אשת־חיל, אַז אַך! – זי האָט מיט געלעכטער עטלעכע מאָל אַ טרייסל געטאָן מיט די קולעקעס. – דער גאַנצער הויף האָט געציטערט פֿאַר מיין דעך, און גערופֿן האָט מען מיך רק יעווע. אָבער אין דער מעטריקע בין איך געווען חוה. און אַזוי איז געשטאַנען אין דעם קלאַס זשורנאַל. איז מיר אויסגעקומען צו דערקלערן יעדן נייעם לערער, אַז כ'בין ניט חוה נאָר יעווע, ווייל חוה בין איך אין יידיש, און אויף אַנדערע שפּראַכן... און אַזוי ווייטער.

איך האָב זיך צעלאַכט.

– אומזיסט לאַכט איר, – האָט יעווע זיך בפירוש באַליידיקט.

– אַנטשולדיקט. איך האָב זיך פּשוט דערמאָנט, אַז מיין ווייב האָט אויך געהאַט אַ מעשה מיט איר נאָמען. זי הייסט דינע, און אין אַלע אירע דאָקומענטן שטייט טאַקע אַזוי געשריבן. די באָבע מיטן זיידן האָבן זי אָבער פֿאַרשריבן אין אַ מאָסקווער שולכל ווי דאָבע־לאה און אַלע אירע קינדעריאָרן זיינען אָפּגעסמט געוואָרן מחמת דער מורא, אַז דער סוד וועט זיך אַנטפּלעקן.

אונדזער שמועס איז דערנאָך אַוועק אויף אַן אַנדער וועג, אָבער ווען מיר האָבן זיך שוין געקליבן אַוועקגיין, האָב איך זיך ניט איינגעהאַלטן און געפֿרעגט:

– און פֿאַרוואָס זייט איר איצט יעווע און ניט חוה?

– צוליב וואָס האָב איך געדאַרפֿט שלעפּן קיין ישראל אָט די שטעטלשע אָנטועכצן? חוה איז געבליבן אין ווילנע, וואוהין איך וועל שוין קיינמאָל ניט קומען.

אין דער „קאַטאָוניע" האָבן מיר זיך אומגעקערט נאָך גאַנץ פֿרי, און דער שרייבער־סאַטיריקער האָט פֿאָרגעלייגט זיך דורכשפּאַצירן

איבער ווין. איך בין געווען דער איינציקער, ווער עס האָט זיך אָפּגערופן אויף זיין פאָרשלאָג. און אויך אומזיסט – אַלע געדאַנקען זיינען שוין געווען אין ישראל, דעריבער האָבן אונדז די ווינער שיינקייטן איבערגעלאָזט גלייכגילטיק. און גערעדט האָבן מיר בשעת אונדזער אַהיין־צוריק אויף וועגן ישראל. ווידעראַמאָל – פאָרן צי ניט פאָרן, און אויב פאָרן איז צוליב וואָס.

– דו ווייסט, – האָט מיר געזאָגט דער סאַטיריקער, – איך האָב געקוקט אויף די ישראלים און זיך געוואונדערט. זיי זיינען דאָך פון דער זעלבער אומה ווי מיר, און גלייכצייטיק זיינען זיי גאָר אַנדערע. אפשר איז דאָס פאַרבונדן מיט דעם, וואָס זיי זיינען פריי פון די קאָמפּלעקסן, וועלכע זיצן אין אַ ליאַדן סאָוועטישן ייד?

– איך בין אַוודאי מסכים. אָבער איך גלייב, אַז מאָרגן וועלן מיר זען אַ לאַנד, וואו ניט אַלע חוהס זיינען געוואָרן יעוועס.

דער סאַטיריקער האָט אויפגענומען מיין ענטפער ווי אַ מעטאַפאָר. ער האָט פאַרגעסן, אַז איך בין ניט קיין שרייבער, און אין דער גרופּע האָט מען מיך גענומען צופעליק – פּשוט ווייל מע האָט געהאַלטן, אַז כאָטש איין מענטש דאַרף קענען יידיש.

# סאַנדאָמירסקי׳ס קאַריערע

# סאַנדאָמירסקי׳ס קאַריערע

אין וואַגאָן פון מעטראָ איז געווען דושנע און שווייסיק. אין אַזעלכע טעג איז סאַנדאָמירסקי, ווי געוויינלעך, געווען מקנא די ליבלינגען פונעם גורל, וועלכע פאָרן גאַנץ פריילעך ערגעץ וואוהין ס׳איז דערלויבט צו קומען אָן שום פּידזשאַקישע פּאַנצערס. זיין קנאה איז געווען אַ „פּלאַטאָנישע", ווייל ער האָט געקאָנט אויך, גלייך ווי אַנדערע קאָלעגן, האַלטן דעם פּידזשאַק אויף דער אַרבעט און זיך דערמאָנען וועגן אים בלויז דעמאָלט, ווען מע דאַרף גיין צו דער נאַטשאַלסטווע. הגם שוין עטלעכע יאָר ווי ער האָט אָנגעהויבן זיך פילן היפּש לעכערלעך און הילפלאָז, ווען זיין סוטולעוואַטער רוקן און דער אַרויסשפּאַרנדיקער בויך פלעגן בלייבן ניט צוגעדעקט.

די ערשטע צייט האָט ער זיך אַפילו איבערגעשראָקן, באַשלאָסן, אַז ער איז אַפּנים געוואָרן שלאַף. „קאָמילפאָ"* – אַזוי האָט ער אָנגערופן זיין שלאַפקייט. עטלעכע מאָל האָט ער זיך געריסן אָנקלינגען זאָריק סערכעלן, זיין געוועזענעם שול חבר, וועלכער האָט איצט באַקומען אַ שם מיט זיינע הייל־קורסן פון היפּנאָז. „דאָס היילן דורך היפּנאָז (אַלקאָהאָליזם, טאַבעק רייכערן, נעווראָזן). טעלעפאָן אַזאַ און אַזאַ, קלינגען פון 20 ביז 22". אויף אַזאַ אופן באַשרייבט זאָריק זיינע מעגלעכקייטן אין וויזיט קאַרטלעך און אין דער רעקלאַמעביילאַגע צו דער מאָסקווער אָוונט

---

*) comme il faut – (פראַנצ.) – דאָ: אָנשטענדיק, לייטיש אָנגעטאָן.

ציטונג.

באַרואיקט האָט אים פּערעטיאַטקאָ פון דער טעכנישער פאַרוואַלטונג. זיי זיינען ביידע אַריינגעפאַלן אין דעם מיניסטערס סוויטע, ווען יענער איז אַרויסגעפאָרן קיין אָמסק. דאָרט, אין זייער האָטעל צימער – זיי האָבן זיך כמעט געחברט און דעריבער זיך איינגעשטעלט אויסטרינקען אויפדערנאַכט דאָס טראַדיציאָנעלע „צו אַ ביסעלע”, – האָט פּערעטיאַטקאָ פלוצעם זיך מודה געווען, אַז ער קאָן ניט פּטור ווערן פון דעם זעלבן „קאַמילפאָ” (ער אַליין האָט עס, פאַרשטייט זיך, גערופן עפּעס אַנדערש).

ביי סאַנדאָמירסקי׳ן איז דעמאָלט ווי אַראָפּ אַ באַרג פון דער פּלייצע. פאַראַן דאָך פּראָפעסיאָנעלע שלאַפקייטן. די לערער מאַטערן זיך מיטן האַלדז, די וועבערס – מיטן געהער, און זיי, די אַפּאַראַטשיקעס – מיט „קאַמילפאָ”...

די פּאָיע פון דער מיניסטעריום געביידע האָט אים באַגעגנט מיט קילבלעכקייט. אויף דער וואַנט אַנטקעגן דער גאַרדעראָב קאַמער איז געהאַנגען אַ נעקראָלאָג.

סאַנדאָמירסקי האָט זיך פאַרהאַלטן ביים פאָרטרעט מיט אַ שוואַרץ רעמל. ס׳האָט אים פאַרחידושט, אַז אַ בשר־ודם קאָן זיך גאָר ניט בייטן אין משך פון צוואַנציק יאָר. דערנאָך איז אים געקומען אויפן געדאַנק: מע האָט פּשוט גענומען אַן אַלטע פאָטאָגראַפיע. די דאָזיקע השערה האָט אים באַרואיקט, און ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום ליפט.

דער מאַנצבל, וואָס האָט שטרענג געקוקט פונעם רעמל אויף די מיניסטערישע טשינאָווניקעס, וועלכע פּראַנצעווען זיך אויס ביי אַ לאַנגן שפּיגל צום פּרימאָרגנדיקן קומען אין זייערע קאַבינעטן, איז אַמאָל געווען באַוואוסט אַלס „אָרגאַניזאַטאָר פון אַ נייעם אינדוסטריעלן אָפּצווייג”. אַפּנים, ווייל ער האָט דער ערשטער פאַרנומען דעם מאַיעסטעטישן

קאַבינעט אינעם קאָטעדזש מיט קונציק אויסגעצאַצקעטע סופיטן און הויכע פענצטער „אַ ליאַ גאָטיק״.

סאַנדאָמירסקי האָט אָבער קיינמאָל ניט געזען דעם פאַרשטאָרבענעם אין זיין הויכבאַאַמטלעכן פאָטעל. געדענקט האָט ער אים פון די סטודענטישע יאָרן, ווען דער מיניסטער פלעג צומאָל קומען צו זיי אין אוידיטאָריע און בייזלעך דערציילן מכח די אייגנאַרטיקייטן פון אַ פּלאַנעווערווירטשאַפט. די דאָזיקע לעקציעס זיינען געווען אַ שוואַכקייט פון אַ מענטשן, וועלכער איז געוואוינט געווען מיט אַלעמען לערנען בלק. איינצייטיק איז דאָס געווען אַן אופן צו באַרעכטיקן זיין אַמאָל באַקומענע דאָקטאָר שטופע ניט פאַר אַ דיסערטאַציע, נאָר פאַר „אַ סכום פאַרדינסטן״. שוין אָפּגערעדט, אַז זיין פּראָפעסור, פּינקטלעכער דער פאַקט גופא פון זיין פּראָפעסור אויף דער קאַטעדרע פון עקאָנאָמיק, האָט אים פאַרשאַפט מער פאַרגעניגן, איידער אַלע זיינע אַנדערע פילצאָליקע בכבודיקע שטעלעס.

אין דער אוידיטאָריע פלעגט דער מיניסטער אַפילו ניט באַמערקן, ווי זיין געוויינלעך באַפעלערישער טאָן ווערט דאָ אָפּט קלאָגעדיק, און די גאַנצע לעקציע באַקומט זיך ענלעך אויף אַ דרשה פון אַ ברוגזן מגיד אָדער אויף אַ מתוודה זיין זיך פון אַ בעל־תשובה.

איינמאָל, זיך אומגעקערט פון פראַנקרייך, האָט ער זיך געקלאָגט, ווי אַזוי עס איז אים שווער צו קאָנטאַקטירן מיט אויסלענדישע ספּעציאַליסטן: דורך אַן איבערזעצער באַקומט זיך עס פונדעסטוועגן ניט דאָס וואָס מע דאַרף.

סאַנדאָמירסקי, וועלכער איז געזעסן אין דער ערשטער ריי, האָט אַ בורטשע געטאָן:

– אַן אינטעליגענטישער מענטש מוז קענען צום ווייניקסטן צוויי שפּראַכן.

דעם געדאַנק וועגן דער נייטיקייט צו קענען צוויי שפּראַכן האָט

ער נאָר מיט אַ יאָר צוריק אויסגעלייענט אין וו. קאָזשעווניקאָוו׳ס ראָמאַן „דער שילד און די שווערד״.

– און איר זייט, אַפּנים, אַ פּאָליגלאָט? – האָט גיפּטיק אָפּגע־ענטפערט דער מיניסטער.

– קיין פּאָליגלאָט בין איך ניט, אָבער פראַנצייזיש און דייטש קען איך.

די שפּראַכן האָט ער געקענט פון זייער שכנה יעקאַטערינאַ פּעאָקטיסטאָוונאַ אימשענעצקאַיאַ, אַן אַלטער איינזאַמער פרוי מיט אַ זאָרגעוודיק אויסבאַהאַלטענער אָפּשטאַמונג.

נאָך דער לעקציע איז די גאַנצע גרופּע אָנגעפאַלן אויף סאַנדאָמירסקי׳ן: אַרויסקריכן מיט אַזאַ חוצפּה ערב דער פאַרטיילונג, און נאָך פאַרן מיניסטער!

– איצט האָף ניט מער, ווי אויף אַן עקאָנאָמיסט פון אַ צעלינער* קאָלכאָז, – האָט אונטערגעצויגן דעם סך־הכּל שאַפּאָשניקאָוו, דער סטאַראָסטע, וועלכער האָט באַוויזן פאַר דריי אַרמייאישע יאָר זיך דערהייבן ביז דעם סטאַרשינאַ ראַנג און דעריבער געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף דעם „קינדערגאָרטן״, אויף די אַלע סאַנדאָמירסקיס.

סאַנדאָמירסקי האָט געשוויגן. אים האָט אַרומגעכאַפּט אַ פּחד – ווי אין דער קינדהייט, ווען ער פלעגט מוזן אויפן וועג צו זאָריקן, אויף דער פּעטראָווקאַ גאַס, דורכגיין פאַרביי דעם קעלער, וואו עס איז געווען אַ מין שטאַב פון קאָלקע פוגאַלאָ׳ס כאָפּטע.

אין אַ וואָך אַרום איז סאַנדאָמירסקי אַרויס פון דעם צימער, וואו ס׳איז פאָרגעקומען דער כּישוף מיטן נאָמען „פאַרטיילונג״. דאָס פּנים האָט ביי אים אויסגעדריקט עפּעס ענלעכס אויף טעמפּע דערשטוינונג און עוולה, ווי ביי אַ יינגל וואָס האָט זיך צום ערשטן מאָל דערוואוסט וועגן

---

*) אין די קרקע־בתולה געגנטן פון קאַזאַכסטאַן.

דעם סוד פון האָבן קינדער. ער איז געווען גרייט צו אַלצדינג — צו אַ ווילדן העק, צו אַ באַליביקן פּאַרוואָרפענעם ווינקל. אָבער צו באַקומען אַן אָרט אין דער פּלאַנעווע־עקאָנאָמישער פאַרוואַלטונג פון דעם מיניסטעריום האָט ער לחלוטין זיך ניט געריכט. נאָך מער, ס׳איז געווען באַוואוסט, אַז עפּעס אַ שטאַלטנער גראָוועהאָריקער מאַנצבל פונעם מיניסטעריום איז אַליין געקומען און אויסגעקליבן גראָד סאַנדאָמירסקי׳ן.

שאַפּאָשניקאָוו האָט אויף דעם געזאָגט, אַז דער מיניסטער איז, ווייזט אויס, אַ וואוילער מוזשיק וואָס איז העכער פון אַלע עוולות. ער, שאַפּאָשניקאָוו, איז געווען באַקאַנט מיט אַזעלכע מענטשן: דער ראָטנע קאָמאַנדיר איז ביי זיי געווען פונקט אַזאַ פאַרשוין.

אַנדערע האָבן זיך געשושקעט מכח עפּעס אַ „האַנט״, וואָס שטופּט סאַנדאָמירסקי׳ן אַרויף. עמעצער האָט אַפילו זיך דערמאָנט אין דעם מיידלשן פאַמיליע נאָמען פון סאַנדאָמירסקי׳ס מוטער: קאַגאַנאָוויטש. דער „תלמיד און מיטקעמפער״ איז אַראָפּגעפאַלן, אָבער די פאַרבינדונגען זיינען דאָך געבליבן...

סאַנדאָמירסקי גופא איז געווען ממש געפּלעפט. ער האָט געוואוסט אויף זיכער, אַז זיין מוטער האָט קיין שום שייכות ניט צו יענעם קאַגאַנאָוויטשן. טאָמער שוין זיך גריבלען אין זיין מוטערס משפחה, קאָן מען אויפדעקן בלויז איין סוד: כמעט אַלע אירע נאָענטע און ווייטע קאַגאַנאָוויטשעס זיינען נאָך אין צענטן יאָר אַרויסגעפאָרן קיין בראַזיליע.

די באַראַטונג אין באַשטאַנד פון זיין מוטער, יעקאַטערינאַ פעאָקטיסטאָוונאַ אימשענעצקאַיאַ און דער מוטערס שוועסטערקינד לייזער האָט באַשלאָסן, אַז עס קומען נייע צייטן און אַזאַ אָנגעלערנטער פון דער אייגענער דערפאַרונג מענטש, ווי דער מיניסטער, האָט גלייך דערפילט: פון אַ דרייסטן יונג וועט זיך באַקומען אַ פרינציפּיעלער טוער, ניט ענלעך אויף די איצטיקע אָנגעשראָקענע טשינאָווניקעס.

יעקאַטערינאַ פעאָקטיסטאָוונאַ האָט פון פרייד אויסגעטרונקען צוויי

קעלישקעס אַזערביידזשאַנישן ווײַן „אַגדאַם", די אויגן זײַנען בײַ איר געוואָרן פײַכט און זי האָט אַפילו אַ פּרוּוו געטאָן אונטערכאַפּן מיט איר געווּזענער קאָנטראַלטאָ דעם ניגון וואָס דער פעטער לייזער האָט געדענקט נאָך פון זײַן דרום־אוקראַיִנישער פּאַרוואָרלאָזטער קינדהייט: „פּראָשטשאַי זשע, ריוואָטשקאַ, פּראָשטשאַי, ליובימאַיאַ..."

אינדעראמתן האָט דער מיניסטער גלײַך פאַרגעסן וועגן דעם חוצפּהדיקן יונג מיט געל־רויט שטאַרצנדיקע קודלעס און בולטע לאָגאָ־פּאַטישע סימנים.

דער מיניסטער האָט שוין געוואוסט, אַז אין עטלעכע חדשים אַרום וועט ער מוזן אַוועקגיין „אין צוזאַמענהאַנג מיטן געזונט צושטאַנד", אַזוי אַז סאַנדאָמירסקי'ס אַטאַק האָט אין אים אויף אַ רגע אויפגעצונדן אַ געדאַנק: אפשר איצט, אויף פּענסיע, וועט ער סוף כל סוף אויסלערנען די פראַנצייזישע שפּראַך, איבער וועלכער מע האָט אים אין טויזנט נײַן הונדערט צוויײטן יאָר אויסגעשלאָסן פון דער סאַמאַרער גימנאַזיע.

אינעם שלאָפצימער פונעם שעף פון דער פּלאַנעווע־עקאָנאָמישער פאַרוואַלטונג פלעגט די שײַן געווײַנלעך לויכטן כמעט גאַנצענע נעכט. דער שעף און זײַן ווײַב זײַנען געווען פוכקע קלײנינקע מענטשעלעך, מיט אַלצאיינע טונקל־בלאָנדע האָר און צערטלעך־זיסינקע שטימען. אַפילו די נעמען זײַנען בײַ זײ געווען אַלצאיינע: יעווגעני און יעווגעניאַ.

נאָך דעם ווי דער ערשטער יאָרצענדליק פון ליידנשאַפטלעכע נעכט האָט זײ ניט געבראַכט קיין קינדער, זײַנען דורכגעגאַן עטלעכע יאָר פון אַ פײַנלעכן פאַרדראָס, וואָס האָט זיך ביסלעכווײַז אויסגעוועפּט און איז אָפּגעטראָטן דאָס אָרט דער אויסמאַטערנדיקער שלאָפלאָזיקייט. די פאַרפּאַמעלעכטע בײַנאַכטיקע שעהן פלעגן מאַן און ווײַב פאַרברענגען אין לייענען, יעדערער מיט זײַן סטיכיי פון ווערטער און געפילן.

זי, אַ לערערקע אין אַן ענגלישער שול, פלעגט קריגן זעלטענע בעסטסעלערס מיט מוראדיק־פאַרכאַפּנדיקע סיפור־המעשׂהס. צייטנווייז, נאָך באַזונדערס פאַרשאַרפטע קאָליזיעס, פלעגט זי זיך זשעדנע וואַרפן צום מאַן, אַרויסרופנדיק ביי יענעם עפּעס צווישן חידוש און באַזאָרגטקייט.

דער מאַן איז געווען פאַרכאַפּט מיט געשיכטע, פון העראָדאָטן ביז יעוועגעני טאַרלע*. ער האָט אויכעט ליב געהאַט מעמואַרן, אָבער גאָר ניט געהאַלטן פון ראָמאַניסטן. אומבאַוואוסטזיניק פלעגט ער אויפנעמען אַלס געשיכטע נאָר אַזעלכע קינסטלערישע באַנעמען פון געשעענישן, וועגן וועלכע ער אַליין האָט געהאַט ניט מער ווי נעפּלדיקע אַלגעמיינע בילדונגס־קענטענישן.

צו דעם שפּעט פּופציקיאָריקן יובל איז אַ פלאַנאָוויק פון זייער רע־פּובליקאַנישער קאַנטאָר ספּעציעל געקומען קיין מאָסקווע און אים געבראַכט עטלעכע בענדער פויכטוואַנגערס ווערק. דער געניטער קאָלעגע האָט פּינקטלעך אויסגערעכנט דאָס שוואַכע סטרונעלע פון זיין מאָסקווער שעף. עס איז קלאָר געוואָרן שוין אין עטלעכע טעג אַרום, ווען „דער פחדנישער זשעקע" (אַזוי האָט מען גערופן אין מיניסטעריום דעם הויפּט אָפּהיטער פון דער ציפער באַלעבאַטישקייט) האָט מיטאַמאָל אונטערגעשריבן עטלעכע אינדולגענציעס, וועלכע עס האָט אים אונטערגעלייגט דער פּיפּיקער פלאַנאָוויק.

ניט אַלץ איז אים געפעלן געוואָרן ביי פויכטוואַנגערן. עס האָט אים ממש פאַרכאַפּט „די יהודישע מלחמה". ער האָט גלייך ווי פונסניי זיך אַריינגעטאָן אין דער איקאָנע־לעמפּלדיקער האַלב־פינצטערניש פון זיין באָבעס צימערל, וואו עס האָט אים באַזונדערס געצויגן צו די אַלטע פּאָליאַנטן פול מיט מאָדנע נעמען און געשעענישן. ער איז געבליבן גלייכגילטיק צו „דעם דערפּאָלג", „דער פאַלשער נעראָן" איז אים

*) אַ באַקאַנטער רוסישער היסטאָריקער.

לחלוטין ניט געפּעלן געוואָרן. הגם די אינטריגעס ביים הויף פֿון דעם הערצאָג קאַרל־אַלעקסאַנדער האָבן אים בפּירוש פֿאַרכאַפּט. ער האָט זיך אויף צוויי נעכט איבערגעטראָגן אין דעם הערצאָגטום ווירטעמבערג, וואו ס'האָט אויפֿגעבליצט און איז פֿאַרלאָשן געוואָרן דער שטערן פֿונעם ייד זיס.

אינדערפֿרי, נאָך אַ נאַכט אין דעם הערצאָגטום ווירטעמבערג, האָט ער גאַנץ צעטרייסלט אויסגעהערט זיין קאַדראָוויק, ווען יענער האָט ראַפּאָרטירט וועגן דער קומענדיקער פֿאַרטיילונג פֿון סטודענטן.

– גייט. זוכט דאָרטן אונטער פֿאַר אונדז עפּעס אַ ייד זיס.

– אַ יידן? – האָט דער קאַדראָוויק איבערגעפֿרעגט, וואָס אַזוינס פּלעג ער זיך דערלויבן באַזונדערס זעלטן.

– און איר מיינט, אַז זיס קאָן זיין אַן עסקימאָס?

דעם שעף איז אַזוי געפֿעלן געוואָרן זיין רעטאָרישע פֿראַגע, אַז ער האָט באַשלאָסן פֿאַרענדיקן מיט איר דעם שמועס. ער איז געווען צופֿרידן, וואָס דער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי גוט, פֿון אַ געראָטענער פֿראַזע. זאָל איצט דער קאַדראָוויק זיך ברעכן דעם מח. דער אַלטער טשינאָווניק וועט מוזן מסתמא ערגעץ קלינגען, כדי דערגיין דעם סוד פֿונעם שעפֿס בילדערישן אויסדרוק.

דער קאַדראָוויק האָט אָבער אין ערגעץ ניט געקלונגען.

אַ געוועזענער דעזשורנער אָפֿיצער אין פֿאָלקס־קאָמיסאַריאַט פֿון אינערלעכע ענינים, האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, וואָס האָט געהאַט אַ באַטייט פֿון צווישן „ס'וועט זיין אויסגעפּילט" און „איך האַלט עס פֿאַר אַ כבוד". ביי זיך אין קאַבינעט, מיט אַ שטאָק נידעריקער, איז ער לאַנג געזעסן, קוקנדיק אין פֿענצטער, וואו דער ווינט האָט געצוואונגען די ביימער צו פֿלאַטערן אומאויפֿהערלעך מיט די צווייגן. ער האָט פּלוצעם אַ טראַכט געטאָן אַז ער, אַ שטאָטישער מענטש, ווייסט אַפֿילו ניט, ווי עס

הייסט אָט דער סאָרט ביימער. די דאָזיקע אַנטדעקונג האָט אים אָנגעטאָן עגמת נפש.

דער ייד זיס . . .

ער האָט שוין פון לאַנג געהאַט אַ חשד, אַזביים שעף איז ניט אַלץ גלאַט אין זיין ביאָגראַפיע. „אַן אויסשפירער אין אַ פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד״. ווער ווייסט וואָס איז דאָרט געווען, אינדערווייטנס פון אַ נאָרמאַלער קאַדראָווער אָנפירערשאַפט.

וואָס ס׳איז אָנגעשריבן מיט דער פּען, זאָל אויסהאַקן ווער עס קען . . .

בלויז אַזאַ אָפּגעריסענער נאַר, ווי דעם קאַדראָוויקס זון, האָט געקאָנט נעמען אַ יידישקע און – נאָכן פּאָטערס התראות – אַ קלאַפּ טאָן מיט דער טיר.

דער שעף איז, פאַרשטייט זיך, ניט אַזוי נאַאיוו, ווי זיין שנעק. אַנדערש וואָלט ער ניט איבערגעלעבט, ווען ס׳האָט זיך אויף עטלעכע טעג פאַרהאַלטן דאָס אויספורעמען פון זיינע קאָמאַנדירונגס־דאָקומענטן קיין האָלאַנד.

הגם די אָנווייזונג מכח נעמען גראָד אַ זיסן קאָן ניט זיין סתם אַ פּרימכע פון אַ נאַטשאַלניק מיט אומקלאָרע דאָסיע פּרטים. דער קאַדראָוויק האָט גוט געוואוסט: ווען די נאַטשאַלסטווע הייבט אָן רעדן מיט האַלבווערטער, איז דאָס אַ באַשיימפערלעכער סימן פון אַ באַזונדערס אַחריותדיקן ענין וואָס מע גיט איבער ניט שריפטלעך, נאָר ווי אין דער קינדער שפּיל „שטותעריי״. אויבן האָט עמעצער עפּעס אַ שעפּטשע געטאָן און – ס׳איז אַוועק אַ גאַנג.

דעם היינטיקן אייפעמיזם האָט דער קאַדראָוויק אינטערפּרעטירט ווי אַ באַפעל אויפצושטעלן די קוואָטע פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וועלכע מע האָט לאַנג געהאַלטן פאַר אומפּאַסיקע.

. . . אין דער גאַנצער גרופּע האָט ער געפונען בלויז איין יידן –

סאַנדאָמירסקי׳ן. אמת, ס׳איז געווען נאָך איינער, אַ מאַרק גאָרדאָן, אָבער די נאַציאָנאַליטעט איז ביי אים געווען אַן אומפּאַסיקע – אַן אוקראַאינער.

דער פאַמיליע נאָמען פון סאַנדאָמירסקי׳ס מוטער האָט אים אַ ביסל אָנגעהויבן קימערן. ער האָט אַפילו אַ טראַכט געטאָן, אַז דער סאַנדאָמירסקי האָט פּונקט אַזאַ נאָז ווי לאַזאַר מאָיסייעוויטש. דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט, אַז זיין מחותנס נאָז איז אויך פונעם זעלבן סאָרט. דער דאָזיקער געדאַנק האָט אים אַפילו אַריינגעבראַכט אין געלעכטער, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן – אויסערלעך אומבאַמערקלעך – בלויז אין ספּאַזמעס פון די בויך מוסקלען. אָפּגעלאַכט אַזוי, מיטן בויך, האָט ער באַשלאָסן, אַז ס׳איז אַ גרויסער ספק צי יענעם קאַגאַנאָוויטשעס נאָענטע קרובה וואָלט אָפּגעאַרבעט אַלע יאָרן אין אַן אייזנבאַן קאַסע.

פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר איז סאַנדאָמירסקי צוגעוואוינט געוואָרן צו זיין מיניסטעריש אַמפּולאַ. ער האָט זיך אויסגעלערנט כמעט אויסמיידן ביים רעדן די שאַרפע ציש־קלאַנגען וואָס האָבן ביי אים פאַרהיט דעם חן פון אַ קינדעריש לעפּעטשען. דער פריער פליך האָט אים צוגעגעבן אַן אָנשטענדיקן אויסזען. ער טראָגט איצט נאָר ווייסע העמדלעך און טונקעלע אויסערמאָדישע גרייטע קאָסטיומען, וועלכע דעם פעטער לייזערס טאָכטער פּאַסט צו צו זיין ניט־סטאַנדאַרטער מאָס.

ער דוצט כמעט אַלע שליחים פון די אָנצאָליקע זאַוואָדן, אינסטיטוטן, טרעסטן, פאַרוואַלטונגען, וואָס מע האָט לויט עמעצנס לאָגיק צונויפגעבונדן אין איין אָפּצווייג. די קאָמאַנדירטע ווייסן שוין, אַז דער דאָזיקער פליכוואַטער ייד קאָלעקציאָנירט טאַשן קאַלענדאַרלעך – סאַנדאָמירסקי פאַרמאָגט היינט איינע פון די גרעסטע קאָלעקציעס.

סאַנדאָמירסקי׳ס ווייב איז צוגעוואוינט געוואָרן צו זיין טבע שמאָרגן מיט דער נאָז, צו זיינע תמיד שווייסיקע פיס און שקאַרפּעטקעס, צו זיין „קאַמילפאָ״, צום געשמאַקן מיניסטערישן פאַיאָק, צו די צוויי

צימערן מיט אַ וועראַנדע אויף דער מיניסטערישער דאַטשע אין קראַטאָווע, הינטער מאָסקווע.

זי האָט געבוירן צוויי יינגלעך, דעם עלטערן נאָרמאַל, דעם צווייטן – פּאַר דער צייט. הגם דער מיזיניק איז איצט אויף אַ קאָפּ העכער פונעם בכור. אויב ער וועט גוט אויסנעמען אויף די רעפּובליקאַנישע פאַרמעסטונגען, וועט מען אים שיקן אָסיענצייט קיין רומעניע.

די מוטער האָט שטאַרק געבעטן סאַנדאָמירסקי׳ן אָנרופן איינעם פון די זין נאָך זיין פאָטער יוסף, וועלכער איז אומגעקומען אין סאַמע סוף פון דער מלחמה, אין אַ פּאָר חדשים נאָך דעם ווי סאַנדאָמירסקי איז געבוירן געוואָרן. סאַנדאָמירסקי האָט צוגעזאָגט, אָבער די יינגלעך הייסן סאַשע און דימע, און די באָבע קלייבט נחת פון זייער געראָטנקייט. אַז קיינער זאָל ניט וויסן, האָט זי מער ליב דעם עלטערן, סאַשען. ער איז אַזוי ענלעך אויף איר יוספן – אויך אַ באַקביינערדיקער, אַן ערלעכער און אַ ביסל אַ בייזער.

# אין סאַלאָן פון פני העיר

# אין סאַלאָן פון פני העיר

כ מעט אַלע קליינוואוקסיקע קיילעכדיק־בייכיקע יידן, וועלכע איך האָב באַגעגנט פאַר מיינע דרייסיק עולם־הזהדיקע יאָר, זיינען געווען אָדער בוכהאַלטערס, אָדער געלערנטע הומאַניטאַרן. ווי אַ יוצא מן הכלל דערמאָן איך זיך אין אַ פאַריקמאַכער פון ניקאָפאָל, וואו מיר איז אַמאָל אויסגעקומען דורכצולעבן אַ האַלבן טאָג. דער גורל האָט באַשענקט דעם פריזירער מיט די דערמאָנטע אַנטראָפּאָלאָגישע סימנים, הגם דער דאָזיקער דרום־אוקראַינישער ייד האָט זיך אַפנים צופעליק אַריינגעפּאַקט אין זיין מלאכה. אַנדערש וואָלט ער מיך ניט געהלושעט אין משך פון אַ גוטער שעה מיט פילאָסאָפישע חקירות, געווירצלטע מיט ציטאַטן פון ענגעלסן און פויערבאַכן. דערצו האָט ער מיר אַזוי אויפגעאַקערט דעם קאָפּ, אַז מיט אָט דעם שער פאַסאָן איז אפשר געווען פאַרבונדן מיין ערשטע מפּלה אויפן ליבע פראָנט.

בן־ציון קיסליק איז נאָך נידעריקער אין וואוקס פונעם ניקאָפּאָלער פאַריקמאַכער. ער איז אָבער אַן „אמתער״ פילאָסאָף. איך געדענק, ווי אונדזער לעקטאָר פון פילאָסאָפיע האָט דערקלערט קיסליקס גרויסקייט:

— ביי אונדז אין שטאָט זיינען פאַראַן פינף און צוואַנציק דאָקטאָרן פון מעדיצינישע וויסנשאַפטן, און די גאַנצע רעפּובליק פאַרמאָגט בלויז אַזויפיל דאָקטאָרן פון פילאָסאָפיע. אגב, דער פינף און צוואַנציקסטער איז אונדזער — קיסליק פון דעם פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט.

איך געדענק אויך, אַז פאַר מיר איז דעמאָלט געבליבן ניט קלאָר,

אַקעגן וואָס האָט דער מרה־שחורהדיקער היסטאָרישער מאַטעריאַליסט געבראַכט אַזאַ מוסטער, וואָס האָט ער געוואָלט דערמיט אַרויסרופֿן אין אונדז, סטודענטן־טעכנאַרן: התפּעלות צי מיטגעפֿיל?

מיט קיסליקס זון מיטיע האָב איך זיך געלערנט אין איין מיטלשול, נאָר אין פֿאַרשיידענע קלאַסן. אַ געוויסע צייט איז ביי אונדז אַפֿילו געווען דער זעלבער לערער אין דער מוזיקאַלישער שול, אָבער איך האָב זיך דאָרט אויפֿגעהאַלטן בלויז צוויי יאָר, דאַן ווען מיטיעס כשרונות זיינען געוואָרן אַ תענוג פֿאַרן אָרטיקן beau mond. „אונדזער ראָבערטינאָ לאָרעטי" – אונטער אַזאַ קעפּל האָט זיך געפּרעגלט פֿאַר נחת די געגנטלעכע יוגנט צייטונג „...סקי קאָמסאָמאָלעץ" דערציילנדיק וועגן מיטיען, ווי ער זינגט זיסשטימיק אוקראַיִנישע פֿאָלקסלידער און דערצו נאָך אַקאָמפּאַנירט זיך אַליין אויף פּיאַנע.

איבער אָט דער נאָטיץ האָבן מיר זיך אַפֿילו אַ ביסל צעבוצקעט. פֿינקטלעכער, איז מיטיע אויף מיר ברוגז געוואָרן. ער האָט דערהערט, ווי איך דערצייל אַן אַנעקדאָט וועגן דעם, אַז ס'איז געווען אַזאַ צירק אויפֿטריט: אַ מאַלפּע שפּילט אויף אַ ראָיאַל, און אַ קראָקאָדיל זינגט לידער; דער דירעקטאָר פֿונעם צירק קאָן אָבער ניט אַנטדעקן דעם תוך פֿון דעם אויפֿטריט, זוכט עפּעס אַ שפּיצל, און דער דרעסירער, כדי זיך אָפּטשעפּען פֿונעם דירעקטאָרס קלאָץ־קשיות, האָט „זיך מודה געווען": אַלץ טוט אינדעראמתן די מאַלפּע – אי זי שפּילט, אי זי זינגט.

מיטיע האָט דאַן באַשלאָסן, אַז איך מיין אים. דער קאָנפֿליקט האָט זיך אָבער אינגיכן אויסגעשעפּט, ווייל מיטיע איז אַוועקגעפֿאָרן לערנען קיין אָדעס, פֿריער אין עפּעס אַ שול פֿאַר אָט אַזעלכע עילוים, און שפּעטער אין קאָנסערוואַטאָריע צי אין אינסטיטוט פֿון קולטור.

איך בין געווען אויפֿן פֿערטן קורס, ווען ער האָט זיך פּלוצעם ווידער באַוויזן אין דער שטאָט, און ניט ווי אַ גאַסט, נאָר ווי אַ סטודענט פֿון דעם אָרטיקן „מוזפּעד", דאָס הייסט פֿונעם פֿאַקולטעט פֿאַר מוזיק

לערער אין פעדאַגאָגישן אינסטיטוט, וואו זיין פאָטער האָט קאָמאַנדעוועט מיט אַלע פילאָסאָפן. ראַע זשעזמער, מיין מאַמעס אַ חברטע און אַ ווייטע קרובה פון די קיסליקס, האָט איינגערוימט אין אויער, אַז ביי מיטיען איז אין אָדעס געווען אַ „מעשה" מיט עפּעס אַ בוגרת, און די עלטערן האָבן אים קוים אַרויסגעריסן פון אָט דער פּאַסטקע.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן מיר – אויך פון ראַע זשעזמער – זיך דערוואוסט, אַז מיטיען האָט מען געשדכנט מיט מילע שנייער, אויף אַ באַזונדערן אופן אַן אינטערעסאַנט מיידל, בפרט ווען איר גיט זיך איין אַזוי אַוועקלייגן אויפן פנים די שמינקע, אַז ס'ווערט נאָך מער אונטער־געשטראָכן דער איינגעבוירענער צולהכעיס.

די עלטערע און די יונגע קיסליקס האָבן געוואוינט צוזאַמען, אין אַ גרויסער – „סטאַלינישער" – דירה פון פיר צימערן, דער גרעסטער פון וועלכע איז אויסגעטיילט געוואָרן פאַר אַ „סאַלאָן". מעבל איז דאָרט געשטאַנען פּרינציפּיעל נאָר אַלטס, אמת גוט רעסטאַווירטס. ביכער, אויסגעשטעלטע אין אַ הויכער באַגלאָזטער שאַפע, האָבן געקאָנט אַרויסרופן קנאה ביי אַ הויפּטשטאָטישן בוקיניסט. דאָס וויכטיקסטע אינעם סאַלאָן איז אָבער געווען דער מאָלעריי „אָפּטייל": בילדער, צייכענונגען, עסקיזן פון די „פּערעדוויזשניקעס"*. די דאָזיקע קאָלעקציע האָט אָנגעהויבן צונויפקלייבן נאָך בן־ציון קיסליקס שווער, אַ באַקאַנטער סאַראַטאָווער אַדוואָקאַט, אָבער די קיסליקס האָבן זי ממשותדיק פאַרגרעסערט. אויפן דיל פונעם סאַלאָן האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ גראָבער טעפּעך, און אויף אים – אַלס אונטערשטע שורה פון די דעקאָראַציעס – האָט תמיד געדרעמלט אַ ריזיקע פּערסישע קאַץ.

קיסליקס סאַלאָן האָט פונקציאָנירט ניט רעגולער. געוויינלעך איז דאָס געווען פאַרבונדן מיטן גאַסטראָל ראַציאָן וואָס דער „גאָסקאָנצערט"

*) אַ רוסישע מאָלעריי שיטה.

אָדער דער „ביוראָ פּראָפּאַגאַנדי קינאָאיסקוסטוואַ", אָדער נאָך עפּעס אַ קולטור־טרעגערישע אינסטיטוציע האָט באַשלאָסן אויסטיילן דער שטאָט. באַזונדערס האָבן די קיסליקס געהאַלטן פון שעפערישע באַגעגענישן. ס'קומט צו פאָרן דער באַוואוסטער אַקטיאָר אַזאַ און אַזאַ. אין גרויסן זאַל פון דער פילהאַרמאָניע און אין אַ טאָג אַרום אין קלוב אויף זשדאַנאָוו'ס (אָדער אָרדזשאָניקידזע'ס) נאָמען דערציילט ער דער אָרטיקער אינטעליגענץ, וואָס זיצט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, די אוניקאַלע געשיכטע פון זיין לעבן, ווי אַזוי ער איז געוואָרן אַ שוישפּילער. דער בעל־שמחה דערציילט אָט די האַרצרייסנדיקע געשיכטע און שטויסט זיך אַפילו ניט אָן, אַז ער איז שוין אַריינגעפאַלן אין קיסליקס נעץ. צוזאַמען מיט די פאַרסאַכאַקלענדיקע אַפּלאָדיסמענטן וועט אויף דער בינע זיך אַרויס־קייקלען אַ קליין מענטשעלע, דערלאַנגען אים (איר, זיי) זיין וויזיט קאַרטל („פּראָפעסאָר, דאָקטאָר פון פילאָסאָפישע וויסנשאַפטן, פאַרוואַלטער פון דער קאַטעדרע...") און אָנהייבן האַרציק־דורכדרינגלעך מורמלען:

– דערלויבט מיר אייך אַרויסגנבענען אויף אָט דעם אָוונט. איך זאָג אייך צו, אַז קיין חרטה וועט איר ניט האָבן.

נאָך אַזאַ אָנגריף גייט אַרויס קיסליק געווײנלעך צוזאַמען מיט זיין געפאַנג און פירט אים אין סאַלאָן, וואו דער גאַסט ווערט אַזש דערשיטערט סיי פונעם אַנטוראַזש, סיי פון די מאכלים, סיי פון דער משפחה גופא.

יעדן אויפדערנאַכט זעצט זיך בן־ציון קיסליק צום שרייבטיש, כדי פאַראייביקן אין זיין טאָגבוך די געשעענישן און מחשבות פונעם פאַרגאַנגענעם מעת־לעת.

שוין כמעט פערציק יאָר האַסט ער אָט די צייט פאַרן שלאָף. אָבער דאָס ווייב איז שטענדיק אויף דער וואַך, זי לאָקערט אַז ס'זאָל אָפּגעהיט ווערן דער מנהג, ווײַלכן זי, נאָך אַ סטודענטקע פונעם פילאָלאָגישן

פּאַקולטעט, האָט איינגעפּירט פּאַר איר מאַן. און קיסליק שרייבט נעבעך, אונטערקלייבנדיק פּאַסיקע ווערטער, ווייל די נאָטיצן זיינען געווענדט אין דער אייביקייט. באַזונדערס האָט ער ליב ציטאַטן, מערסטנס אויף לאַטיין און פראַנצייזיש, כאָטש די איינציקע אויסלענדישע שפּראַך, אויף וועלכער קיסליק האָט אַמאָל געקענט לייענען, איז געווען דייטש. כדי פאַרשטיין דעם נוסח פון זיין שרייבן, קאָן מען נעמען, אַשטייגער, דעם צייטונגס־קאָמפּלעקט פון „...סקאַיאַ פּראַוודאַ" פאַר אָקטאָבער 1988, וואו עטלעכע „קעלערס" פאַרנעמען קיסליקס נאָטיצן – אַ מין באַריכט וועגן דעם, ווי ער און זיין ווייב האָבן באַזוכט פינלאַנד. די דאָזיקע נאָטיצן גיבן אונדז, אגב, אַ מעגלעכקייט אָפּצושאַצן ניט בלויז דעם מחברס סטיל, נאָר אויך זיין טאַלאַנט פון קעגנשטעלן, פון געפינען אויף יעדן „יאָ" און „אַך" עפּעס אַן „אָבער"...

אָנהייב אַפּריל 1989 האָט קיסליק פאַרשריבן אין זיין טאָגבוך:

„היינט אינדערפרי האָט מען מיר אָנגעקלונגען פון שטאָטקאָם* און געבעטן קומען צו אַ.פּ. קראַווטשענקאָ.

אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל, האָב איך זיך דערמאָנט אין די צייטן, ווען אָט דער איצטיקער באַלעבאָס פון דער שטאָט איז נאָך געווען מיין סטודענט און איך האָב אים גערופן סתם אַנדריי. אמת, נאָך אין יענע יאָרן האָט זיך געפילט, אַז ער איז a dulescens in quo est senilee àluquid...**

ווען איך בין אַריין אין קאַבינעט, זיינען דאָרטן שוין געזעסן דער פאַרוואַלטער פונעם אידעאָלאָגישן אָפּטייל ג.א. פּערעפּליוגאַ און מאַרק פייגין, ראַע זשעזמערס אַ שכן. ער איז, דאַכט זיך, אַ שטיקל זשורנאַליסט צי עפּעס אַ טוער אין דער געזעלשאַפט „קענטעניש". מע דאַרף גלייך

*) שטאָטישער קאָמיטעט (פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי).

**) אַ יונגערמאַן, אין וועלכן ס'איז פאַראַן עפּעס פון אַ זקן (לאַטיין).

זאָגן, אַז אָט דיביידע מענטשן האָבן בשעת דעם גאַנצן שמועס געשפּילט אַ ראָל פון סטאַטיסטן, וועלכע דער רעזשיסער האָט ניט פאַרטרויט אַרויסצוברענגען כאָטש איין וואָרט. און אויב רעדן ערנסט, האָב איך בכלל ניט פאַרשטאַנען, צוליב וואָס האָט מען גערופן אַזאַ מענטשן, ווי פייגין. די סיבה פון פּערעפּליוגאַס שווייגן איז מיר קלאָר: ער האָט נאָך אַלץ, ווייזט אויס, ניט געקאָנט פאַרגעסן, אַז מיין מיטיע איז אים שיער ניט איבערגעלאָפן דעם וועג – מיטיעס דיסערטאַציע איז געווען וועגן די דיסקאָטעקעס אין מיטלשולן, און ביי יענעם – דאָס זעלבע, אָבער אין פּראָפעסיאָנעל־טעכנישע שולן...

אַנדריי פּאַוולאָוויטש איז אַרויסגעלאָפן מיר אַנטקעגן, האָט גלייך פאָרגעלייגט טיי מיט בייגל און בכלל אויף אַלערליי אופנים דעמאָנסטרירט זיין פּיעטעט צו מיר.

– טייערער בן־ציון מאַרקאָוויטש, איך האָב אייך פאַרבעטן אַריינגיין, ווייל מיר נייטיקן זיך אין אייער הילף. דאָ איז אָנגעקומען אַ רעקאָמענדאַציע פון אונדזערע העכער שטייענדיקע חברים, – קראַווטשענקאָ האָט אויפגעהויבן און ווידער אַוועקגעלייגט אויפן טיש עפּעס אַ פּאַפּירל. – דער צירקוליאַר איז וועגן דעם, אַז מע טאָר ניט לאָזן אויף זעלבסטפלוס די פּראָצעסן, וועלכע קומען היינט פאָר אין די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען. איר האָט געהערט אַפּנים, אַז אין קיעוו האָט מען שוין געשאַפן אַ יידישע געזעלשאַפט?

– יאָ, דאָ איז ניט לאַנג צוריק געווען מיין קאָלעגע פונעם קיעווער אוניווערסיטעט, האָט ער מיר דערציילט.

– גוט. אַזאַ געזעלשאַפט דאַרפן מיר איצט פאַרלייגן, און וואָס גיכער, כדי די געזונטע כוחות זאָלן ניט פאַרלירן די איניציאַטיוו.

– און ווער זיינען זיי, אָט די געזונטע כוחות? – האָב איך גע־פרעגט.

– איר, טייערער בן־ציון מאַרקאָוויטש, – איבער קראַווטשענקאָס

פּנים האָט זיך אויסגעלייגט אַ חניפהדיקער שמייכל. — מיר לייגן אייך פאָר צו שטעלן זיך בראש פון דער אָרטיקער יידישער אָרגאַניזאַציע.

ווייטער האָט ער מיר דערקלערט, אַז אין דער שטאָט עקזיסטירט שוין אַ יידישע ניט־אָפיציעלע גרופּע, וואָס אירע צילן זיינען גאָר ווייט פון דעם, וואָס מע דאַרף, דעריבער איז אַזוי נייטיק אָניאָגן די צייט, אָנ־שפּאַרנדיק זיך אויף ניכטערע און אויטאָריטעטע מענטשן, און דער פּראָפעסאָר קיסליק איז צוליב דעם די סאַמע פּאַסיקסטע פיגור, ווייל... (דאָ גייען קאָמפּלימענטן אין מיין אַדרעס).

איך האָב אַ פּרואוו געטאָן דערווידערן:

— אַנדריי פּאַוולאָוויטש, איך בין דאָך אַן עם־הארץ אין די פראַגן פון יידישער קולטור. דאָס איינציקע, וואָס איך האָב אויפגעטאָן אויף דעם געביט, איז דער ציקל אַנטי־ציוניסטישע אַרטיקלען, וואָס האָבן זיך באַוויזן לויט אייער בקשה...

— עך, בן־ציון מאַרקאָוויטש, בן־ציון מאַרקאָוויטש, — האָט קראַוטשענקאָ געגומען טאַדלען מיין אויפפירונג, — ניט שיין איז צו מאַכן זיך פאַר אַ נעבעכל. איי־איי־איי! איר מוזט דאָך פאַרשטיין, אַז פאַר אונדז איז וויכטיק אייער בכבודיקער נאָמען, און אַ נייטיקע שטיצע וועט איר באַקומען. אָט זיצט, למשל, דער חבר פייגין...

בקיצור, איך האָב זיך אַריינגעפּאַקט.״

די אָרטיקע צייטונגען „...סקאַיאַ פּראַוודאַ״ און „...סקי קאָמ־סאָמאָלעץ״ האָבן מיטגעטיילט, אַז אין גרויסן זאַל פונעם הויז פון פּאָליטישער אויפקלערונג וועט פאָרקומען אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַרזאַמלונג פון דער שטאָטישער יידישער קולטור געזעלשאַפט.

אונדזער שכן סטעפּאַן מיטן צונעמעניש „פּאָזיטש טראָיאַק״* האָט

---

*) „אַנטליי אַ דרייערל״.

באַגעגנט מיין מאַמע מיט אַ התראה:

— מאַטווייעוונע, גיי ניט אַהין. אַזוי איז שוין געווען אין איין און פערציקסטן. מע האָט אויך געזאָגט, אַז אייערע מוזן זיך צונויפקלייבן. דו ווייסט דאָך, וואָס ס׳איז ווייטער געווען...

— מע דאַרף טאַקע זיין פּאָרזיכטיק, — איז געווען דער קאָמענטאַר פון מיין פאָטער. — סטעפּאַן האָט, פאַרשטייט זיך, אַ הינערשן קאָפּ, אָבער פון אונדזער מלוכה קאָן מען זיך ריכטן אויף וואָס דו ווילסט. — ביי אַזאַ מיינונג האָט זיך געהאַלטן דער בעסטער פּראָפּאַגאַנדיסט פון דעם מעטאַלורגישן זאַוואָד אויף אָרדזשאָניקידזע׳ס נאָמען.

מיין חברה האָט זיך צונויפגעקליבן פאַרנאַכט ביי זוניע טאָנקאָנאָגי. ער איז געווען אונדזער אַנערקענטער אָנפירער, און זיין דירה לעם קינאָטעאַטער „סוואָבאָדאַ" האָבן מיר אין משך פון פיר יאָר געפירט סעמינאַרן פון יידישער געשיכטע, אַהער פלעגן קומען — פריער זעלטן און לעצטנס גאַנץ אָפט — שליחים פון מאָסקווע, אַנדערע שטעט, און עטלעכע מאָל אַפילו פון אַמעריקע און ישראל.

— מיר דאַרפן זיך ניט באַטייליקן אין אָט דער מאַכערייקע! — האָט געשריען קאַטיע דובאָוויצקאַיאַ, אונדזער לערערין פון עברית. — די חשיבות פון אַזאַ גרופּע, ווי מיר זיינען, איז די אומאָפּהענגיקייט פון אַלע מלוכהשע סטרוקטורן. ס׳איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג, אַז דער שטאָטקאָם גרייט אַ נייעם יודענראַט.

— איך מיין, אַז דו ביסט ניט גערעכט, — האָט זיך אָפּגערופן אַריק טעפּער. ער איז געווען אַן אויסערשטאַטנער קאָרעספּאָנדענט פונעם „...סקי קאָמסאָמאָלעץ", געשריבן אויף אוקראַיניש אונטערן פּסעוודאָנים ג. גאָנטשאַר און האָט זיך געהאַלטן פאַר דעם סאַמע אינפאָרמירטן מיטגליד פון דער חברה. — אַז די גאַנצע מעשה האָט מען פאַרטראַכט אין אונדזער „ווייסן הויז", איז פאַרשטייט זיך קלאָר. לאָמיר ניט פאַרגעסן, אַז ביי אונדז אין לאַנד שטייט אויף יעדן ראָג עפּעס אַ פאַרטיי קאָמיטעט, און די

מענטשן, וואָס אַרבעטן דאָרטן, ווילן ניט אָפּגעבן זייער שטיקל ברויט מיט פּוטער. דאָס באַטייט אָבער בלויז, אַז די קאָמוניסטן זיינען דערווייל טיכטיקער פון אַנדערע, און אויב מיר וועלן אַפילו איצט זיך ניט אַריינמישן, וועט עס הייסן, אַז מיר אַלע האָבן ניט די ווערט קיין צעבויגענע דענעשקע.

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָבן מיר זיך שוין פעסט צעטיילט אויף צוויי לאַגערן (איך בין געווען – אויב ס'איז עמעצן אינטערעסאַנט – פאַר אַריקן). און דאָ איז פּלוצעם אין דעם טויבן־בלויען רויך אַריינגעשוואומען מיטיע קיסליקס אַטלעטישער שטאַלט, געקרוינט מיט אַ קאָפּ פון אַ קאַנאַנישן בילדשיינעם נביא.

– קריסטוס דערשיינט פאַרן פאָלק, – מיט אַזעלכע ווערטער האָט מיטיען באַגעגנט זאָריק עפּשטיין, דער איינציקער צווישן אונדז פרומער ייד.

– שלום! – דער אורח האָט אויפגעהויבן די הענט, באַגריסנדיק אונדז ווי אַ ספּאָרטסמען, וואָס האָט נאָרוואָס אויסגעשפּילט אַ פאַרמעסטונג.

– שלום! – איז אויפגעשטאַנען אים באַגעגענען זוניע, אַ פריילעכער, גלייך ווי אין זיין שטוב האָט אומגעריכט באַוויליקט צו קומען אַ הויכער גאַסט. – קאַטיע, ברענג מיטיען אַ ריינע טשאַשקע, – האָט ער געגומען זיך טומלען. – קום אַהער, מיטיע, זעץ זיך אַוועק אָט דאָ.

איך האָב געקוקט אויף זוניען מיט שטוינונג. וואָס צעלייגט ער זיך אַזוי פאַר דעם דאָזיקן העראָי־קאָכאַניק?

– און דו ווייסט ניט? עך, דו, נאַאיווניאַק, – האָט אָפּגעשאַצט מיין ניט־אינפאָרמירטקייט אַריק טעפּער, ווען מיר זיינען שוין געגאַנגען אַהיים, נאָך דעם ווי די חברה זיינען טאַקע ניט געקומען צו אַ באַשלוס וועגן דער סטראַטעגיע און טאַקטיק אויף דער זונטיק פאַרזאַמלונג. – מיטיעס פריינט פון אָדעס לעבט איצט אין מאָסקווע, און ער איז דאָרטן לעצטנס געוואָרן

אַ גאַנצער דרייער אין דער יידישער באַוועגונג. יענעמס ווייב איז אַ מאָסקווער, און זי קאָכט זיך שוין פון לאַנג אין אָט דער סביבה.

– דו דערציילסט עס אַזוי, גלייך ווי זוניע איז אַן אָרטיקער פונקציאָנער פון דער פּאַרטיי און פון מיטיעס חבר איז אָפּהענגיק זיין קינפטיקע קאַריערע.

– און דו מיינסט, אַז ס'איז אַנדערש? – האָט אַריק אַ קוק געגעבן אויף מיר ווי אויף אַ קינד. – ס'איז דאָך אַ טרואיזם, אַז יעדע באַוועגונג וואַקסט גלייך אַרום מיט ביוראָקראַטישע סטרוקטורן, וועלכע הייבן אָן לעבן לויט זייערע אייגענע געזעצן און פּרינציפּן.

– איך האָב אַפילו ניט געוואוסט, אַז דו ביסט אַזאַ ציניקער, – בין איך מיט פאַרגעניגן געווען גאַליק מיט אָט דעם אַלצווייסער.

– וואַרט צו, אין אַ יאָר אַרום, און אפשר אַפילו פריער, וועסטו אַליין זען, וואָס פאַר אַ קאַמף וועט זיך אָנהייבן צווישן אונדזערע שלימזלדיקע אינזשענערן און עקאָנאָמיסטן, ווען פאַר זיי וועט זיך עפענען אַ מעגלעכקייט צו לייזן די גורלות פונעם שטאָטישן יידנטום. איך בין זיכער, אַז ס'וועט זיין פּריילעך, ווייל קיין אמתע יידישע אָנפירער האָבן מיר ניט און די נייע יידישע פּני וועלן איבערטראָגן אין די יידישע געזעלשאַפטן אַלע קאָמוניסטישע זיטן, וועלכע מיר האָבן איינגעזויגן מיט דער מאַמעס מילך.

– מע קאָן מיינען, אַז דו אַליין ביסט אַ גרויסער מומחה אין דער יידישער קולטור!

– אָבער איך נעם זיך ניט אונטער צו לערנען אַנדערע, ווי אַזוי זיי דאַרפן לעבן. דו באַמערקסט, אַז ס'איז זייער אַ זעלטענע מעלה פאַר אַ געוועזענעם פּיאָנער און קאָמסאָמאָלעץ. און איך שווער דיר בנאמנות אַז די יידישע געזעלשאַפט וועט באַלד זיך צעטיילן אויף אַ בינטל אַלטע יידן, וועלכע וועלן אַלעמען ציען אין די כלומרשט גליקלעכע דרייסיקער יאָרן, און אויף אַ גרופּע יונגע יאַטן מיט נעאָפּיטישע שטימונגען.

אויפן ראָג אַנטקעגן דעם קלוב פון מעדיצינישע טוער האָבן מיר זיך געזעגנט. איידער אַריינשפרינגען אין טראַמוויי, האָט אַריק אָפּגעכאַפּט צוגעגעבן:

— און אפשר בין איך דווקא ניט גערעכט. הלוואַי...

גלייך נאָך דער פאַרזאַמלונג אינעם הויז פון פּאָליטישער אויפקלערונג האָט בן־ציון קיסליק פאַרשריבן אין זיין טאָגבוך:

„די סכנה איז, דאַנקען גאָט, פאַרביי. איך האָב מורא געהאַט, אַז קראַווטשענקאָ וועט זיך איינשפּאַרן, אָבער — טפו־טפו־טפו, ער האָט זיך גלייך געכאַפּט, אַז מיטיעס קאַנדידאַטור איז ניט ערגער, און אפשר אַפילו בעסער — פּאָרט אַ יונגער. און ווער האָט געזאָגט, אַז מע דאַרף האָבן נאָר אַ פּראָפעסאָר? מיטיע איז אויך אַ שטיקל לייט — אַ דאָצענט. ער איז, אמת, ניט קיין מיטגליד פון דער פּאַרטיי, אָבער היינט צו טאָג איז דאָס אַפילו אַ מעלה.

קורץ גערעדט, קראַווטשענקאָ האָט מסכים געווען. כאָטש איך פאַרשטיי ניט, צוליב וואָס דאַרף עס מיטיע? צי אפשר פילט ער, אַז פון דעם קאָן זיך עפּעס באַקומען? צי ער וויל האָבן אַ רעזערוו וואַריאַנט? אַנדערש צוליב וואָס וואָלט ער זיך אַזוי אַרומגעטראָגן מיט זיין מאָסקווער חבר, מיט אָט דעם באָריסן? נו, גענוג פּראַגעס. כ׳גלייב, אַז מיין זון האָט אַ ניכטערן קאָפּ און ער ווייסט, וואָס מע דאַרף טאָן.

דער עיקר איז געווען איבערקומען אָט די טומלדיקע פאַרזאַמלונג, מיט אָט די אַלע יונגע שוויצערס און מיוחסדיקע וועטעראַנען. נאַאיווע מענטשן! זיי גלייבן, אַז איצט וועלן זיי איבערקערן די וועלט. ערשטנס, מיט וועמען? אין זין פון יידישקייט קענען די יונגע גאָרניט, און די אַלטע האָבן שוין אַלץ גוט פאַרגעסן (אַריינגערעכנט דאָס, וואָס זיי האָבן קיינמאָל ניט געוואוסט). צווייטנס, ווער וועט זיי לאָזן עפּעס טאָן? מע קאָן מיינען, אַז קראַווטשענקאָ האָט עס טאַקע אָרגאַניזירט לטובת דער

יידישער קולטור. ווי דען! ער דאַרף אַוועקשטעלן אַ פייגעלע אין עפּעס אַ פּלאַן פון אידעאָלאָגישע זאַכמיטלען, און שוין.

בשעת דער פאַרזאַמלונג האָב איך זיך געכאַפּט, אַז ס'איז דאָך אין תוך גענומען ניט קלאָר, צוליב וואָס ווערט בכלל געשאַפן די יידישע געזעלשאַפט. אויב עס גייט וועגן פאַרטיידיקן די בירגער־רעכט פון יידן, איז פאַרוואָס הייסט זי „קולטור געזעלשאַפט"? און אויב דער ציל איז טאַקע די קולטור, טאָ וועלכע? קודם, אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך? פייגין האָט געטענהט וועגן דער רוסיש־שפּראַכיקער יידישער קולטור, אָבער איך, אַ רוסיש־שפּראַכיקער ייד, פאַרשטיי ניט, וואָס איז דאָס פאַר אַ חיה און מיט וואָס קאָן מען זי עסן. אויסערלעך זעט אויס דער געדאַנק גאַנץ אַקסיאָמאַטיש – די רוסישע יידן זיינען אַ קולטורעל פאָלק, הייסט עס, אַז זיי האָבן אַ קולטור. יאָ, אָבער וואָס פאַר אַ קולטור? איך בין זיכער, אַז מיר זיינען אַלס כלל טרעגער פון דער אַלגעמיינער סאָוועטישער קולטור.

פון אונדזער יידישער זעלבסט־אַנטפּלעקונג ציט אָפּטמאָל מיט בוכהאַלטעריע. מיר האַלטן אין איין באַוואָפענען זיך מיט ציפערן: וויפל יידן זיינען צווישן די העלדן פון ראַטנפאַרבאַנד, וויפל אַקאַדעמיקער, לאַורעאַטן, וויפל... וויפל... דאָס דאָזיקע „וויפל" איז געוואָרן אַן אומעטומיקע מאָדע.

מע דאַרף האָבן אַ נייע פילאָסאָפיע, אַ מין נעאָ־בונדיזם אָדער אַן אַנדער נעאָ – עפּעס פאַרן יידישן לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד. אפשר האָט זי עמעצער שוין פאַנאַנדערגעאַרבעט, אָבער מיר איז דאָס ניט באַוואוסט. נאָך נעכטן האָב איך אַ פּרוואו געטאָן רעדן וועגן דעם מיט מיטיען און באַקומען אַ פּסק: „גענוג שוין מיט די טעאָריעס, ס'איז געקומען די צייט פון פּראַקטיק". וואָס האָב איך געקאָנט אים ענטפערן? „קוק, וואוהין דו גייסט, אַניט וועסטו קומען אַהין, וואוהין דו קוקסט".

קיסליקס סאַלאָן איז געוואָרן די שטאַב־קוואַטיר פון דער יידישער

געזעלשאַפט. כמעט יעדן זונטיק פלעגן מיר, די פאַרוואַלטונג, זיך צונויפקלייבן אונטער די בילדער פון די „פערעדוויזשניקעס״, כדי לייזן די לויפנדיקע פּראָבלעמען. יעדער פלעגט ברענגען עפּעס „צום טיש״, און מילע האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ גאַסטפריינטלעכער פרוי פון אַ פּאָליטישן טוער, וועלכע האָט פאַרגעניגן פון מכבד זיין די געסט מיט טיי אין דייטשישע טשאַשקעס מיט אָנגעמאָלטע אויף זיי סצענעס פון אַמאָליקן אידילישן לעבן.

אָפּטמאָל פלעגט צו אונדז אין סאַלאָן אַריינגיין דער עלטערער קיסליק, אָנגעטאָן אין אַ געשטעפּט היים־רעקל. „נו, קינדער, וואָס פאַר אַ שפּיל האָט איר היינט פאַר זיך צוגעטראַכט?״ איז געווען שטענדיק אָנגעשריבן אויף זיין געשטופּלטן פּנים.

– בן־ציון מאַרקאָוויטש, וואָס טראַכט וועגן אָט דעם אַלעם די מאַרקסיסטיש־לענינישע פילאָסאָפיע? – פלעגט אים תמיד פאַרטשעפּען אַריק טעפּער.

– טייערער אַריק, איר ווייסט דאָך, אַז דער כח פון מאַרקסיזם־לעניניזם באַשטייט אין זיין ריכטיקייט, – איז געווען קיסליקס סטאַבילער ענטפער־וויץ. – גלייבט מיר, אַז די דאָזיקע טעאָריע, און נאָך מער די פּראַקטיק, איז באמת אומשטערבלעך, פּונקט אַזוי ווי ס׳וועט אייביק לעבן די אידיי, אַז גלייכהייט איז וויכטיקער פון פרייהייט.

די הויפּט רעדנער זיינען בשעת יעדן אונדזערן זונטיקדיקן טיי טרינקען געווען מיטיע, זוניע און מאַרק פייגין.

די ערשטע צייט האָט מען פייגינען אויפגענומען מיט חשד. קאַטיע דובאָוויצקאַיאַ האָט געגאָסן אויף אים פעך און שוועבל: אַז ער איז אַ מסור, אַז אים האָט מען בכיוון אַריינגעשטופּט אין אונדזער סביבה, און אַזוי ווייטער. מיטיע איז אָבער באַשטאַנען אויף דעם, אַז אויב פייגינען האָט מען אויסגעקליבן אויף דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, האָט ער פּונקט אַזעלכע רעכט ווי אַלע אַנדערע מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג.

ביסלעכווייז זיינען מיר צוגעוואוינט געוואָרן צו אָט דעם שטענדיק שמייכלענדיק מענטשעלע. פונדעסטוועגן איז פאַר אונדז אַלעמען געווען אַ סענסאַציע, ווען מאַרק האָט אָנגעהויבן אַרומוויליען אַרום קאַטיען, און זי, אַ לעפּישע אַבי־ווי־אָנגעטאָנענע־מויד, האָט רעאַגירט אויף דעם בפירוש אָנגעלייגט.

פייגין האָט געוויינלעך געהורטשעט וועגן דער נויטווענדיקייט צו אַנטוויקלען ביי דער געזעלשאַפט עפּעס אַ ביזנעס, ווייל אָן געלט וועלן מיר קיינמאָל ניט האָבן קיין קיום. עטלעכע מאָל האָט ער געבראַכט אויף די זיצונגען נייע קאָמערסאַנטן, פאָרזיצערס פון פריש־געבאַקענע קאָאָ־פּעראַטיוון און אַסאָציאַציעס, וועלכע האָבן אונדז צוגעזאָגט גאָלדענע בערג, אָבער מיט אַ תנאַי – די יידישע געזעלשאַפט מוז ווערן אַ פאַרמיטלער צווישן דעם אָרטיקן ביזנעס און דעם אויסלענדישן קאַפּיטאַל. זיי אַלע – סיי די צירלעך פאַרפּוצטע יאַטן, וועלכע האָבן שוין קאָנטיק געפונען זייער „אָדער", סיי די מנחם־מענדלשע טיפּן – זיינען געווען זיכער, אַז די ראָטשילדס און האַמערס גייען פּשוט אויס פון וועלן אַריינצולייגן כאָטש עטלעכע מיליאָן דאָלאַר אין דעם נייעם קלאָנדייק, וועלכן עס שטעלט מיט זיך פאָר אונדזער שטאָט.

טאָנקאָנאָגי פלעגט גלייך אויפגעקאָכט ווערן, הערנדיק אַזעלכע פאָרשלאָגן, און אָנהייבן ירידעווען, דערווייזן אַז פייגין מאַכט צו קליין געלט די גאַנצע אידיי פון דער אומאָפּהענגיקער יידישער באַוועגונג, וועלכע איז אַזוי שווער אָנגעקומען פאַר די טוער פונעם פריערדיקן יידישן אונטערערד. און ער – זוניע טאָנקאָנאָגי, איינער פון די וועטעראַנען – קאָן ניט דערלאָזן אַזאַ באַציאונג בנוגע אָט די אַלטע הייליקע אידעאַלן.

די קאַשע – ביזנעס אָדער אידעאַלן – האָט זיך געקאָכט, ביז דאָס וואָרט פלעגט נעמען מיטיע. זיין געוויינלעכע נאָרמע פון רעדן איז געווען פערציק מינוט, אָנגעזעטיקטע מיט אויסטערלישע, קאָן זיין נאָר אים

באַוואוסטע ווערטער, אַדאַנק וועלכע יעדע פראַזע האָט געקלונגען רעטענישפול און גלייכצייטיק פלעפנדיק, ווייל בלויז זייער אַ דרייסטער און זעלבסט־זיכערער מענטש קאָן אָפן זאָגן, אַז ער פאַרשטייט ניט דעם תמצית פון אָט דער קלאַנגען־כוואַליע, וואָס שאַלט כמו־רוסיש, הגם אַנטהאַלט כמעט אויסשליסלעך ווערטער פון אַזאַ מין ווי „לאַטענטנע״, „כעפּינינג״, „דראַפט״ א.ד.ג. באַזונדערס שאַרף האָט אויף דעם ווערטער־שטראָם רעאַגירט אַריק. ער פלעגט גלייך אָנהייבן בעטן זיך רחמים ביי מיטיען:

– צוליב וואָס דאַרף מען אַזויפיל דרשענען! פאַרוואָס קאָנסטו ניט זאָגן קלאָר און לויטער – „יאָ״ אָדער „ניין״?

אָבער אָפּשטעלן מיטיען איז געווען אוממעגלעך.

– ווען כ׳וועל פאַרענדיקן, קאָנסטו אויך אַרויסזאָגן דיין מיינונג. לאָמיר זיך פירן פאַרלאַמענטאַריש, – און דער שטראָם פון נעאָלאָגיסטישע איינפאַלן האָט זיך געגאָסן ווייטער.

– די פראַגע שטייט אַנדערש, ניט ווען, נאָר אויב דו וועסט אַמאָל פאַרענדיקן, – האָט אַריק עקשנותדיק געפּרואווט איבעררייסן די ריידערייען, אָבער דאָס איז געווען אַ פּוסטע טירחה.

אין אַזעלכע סאַלאָן באַטאַליעס זיינען דורכגעגאַן צוויי צי דריי חדשים. דערנאָך איז אָנגעקומען דער זומער, און ס׳איז געוואָרן שווער צונויפקלייבן דעם עולם – עמעצער איז געווען אין אורלויב, זוניע טאָנקאָנאָגי איז אַוועקגעפאָרן צו גאַסט קיין ישראל, אונדזער קאַזנאַטשיי, אַ פּאָלקאָווניק אין דעמיסיע, האָט זיך איבערגעקליבן צו זיין טאָכטער קיין באָסטאָן.

אָסיענצייט האָבן מיר זיך נאָך עטלעכע מאָל פאַרזאַמלט, אָבער אינגיכן איז אַלץ געוואָרן צו נישט. זוניע האָט זיך אומגעקערט פון ישראל און גלייך אָנגעגעבן דאָקומענטן אויף אַרויסצופאָרן, דאָסמאָל שוין אויף שטענדיק. זאָריק עפּשטיין האָט זינט זומער געלעבט אין מאָסקווע, וואו

מע האָט אים אָנגענומען אין אַ ישיבה. פּייגין איז געוואָרן דער דירעקטאָר פון עפּעס אַ קאַבעל־טעלעוויזיע, וועלכע עס האָט געשאַפן דער שטאָטקאָם פונעם קאָמסאָמאָל, און קאַטיע דובאָוויצקאַיאַ איז ביי אים אַן אַדמיניסטראַטאָר. אַריק איז בכלל אַוועק אין „רוך"*, פירט דאָרטן אַ קאַמף פאַר דער זעלבשטענדיקייט פון אוקראַינע.

לעבן מיטיען האָבן זיך באַוויזן נייע מענטשן – עטלעכע טעטיקע פּענסיאָנערן און אַ פאַרקלערטער סטודענט־היסטאָריקער. צוזאַמען מיטן נייעם אַקטיוו האָט מיטיע אויסגעקלאַפּט פאַר דער געזעלשאַפט און דער קהילה די געביידע פונעם ספּאָרטיוון זאַל „טאָרפּעדאָ", וואו ס'איז פאַר דער מלחמה געווען אַ בית־מדרש, און כמעט די גאַנצע טעטיקייט האָט זיך קאָנצענטרירט אויף אויסזוכן געלט, כדי ברענגען אין אָרדענונג אָט די חורבה. אמת, ביי דער געזעלשאַפט האָבן עטלעכע גרופּעס געלערנט עברית און ביז די ערשטע פראָסט האָט אויך עקזיסטירט אַ גרופּע פאַר קנעלן יידיש. די לערערין, אַן אַלטע פרוי, האָט זיך דערנאָך אָפּגעזאָגט: זי האָט געלעבט אין אַ ביישטאָט און האָט מורא געהאַט פאַלן אין וועג. אַ געוויסע צייט האָב איך געלערנט מיט די עטלעכע פאַרבליבענע תלמידים, אָבער ביסלעכווייז זיינען זיי אַלע אַוועק אין די עברית גרופּעס.

צייטנווייז פלעגט מען איינלאַדן לעקטאָרן פון מאָסקווע. קיין גרויסן דערפאָלג האָבן זיי אָבער ניט געהאַט. אַ היפּשער עולם האָט זיך צונויפגעקליבן בלויז ווען ס'איז געקומען אַ יונגער רב פון ישראל, און אויך די פראַגעס צו אים זיינען מערסטנטייל געווען וועגן דעם, וואָס מע דאַרף פאַרכאַפּן מיט זיך אין דער יידישער מדינה און ווי אַזוי מע קאָן דאָרטן זיך איינאָרדענען.

ניט לאַנג פאַר מיין אַוועקפאָרן, ווען כ'בין אַרומגעלאָפן ווי אַ

---

*) „רוך" – „באַוועגונג" (אוקראַיניש) – אַ מאַסן־אָרגאַניזאַציע פאַר אויפשטעלן די אוקראַינישע מדינה.

פאַרסמטער מיט די וויזעס, בילעטן, קאַסטנס, מיט כמעט אַלץ פאַרקויפן און עפּעס קויפן, האָב איך צופעליק באַגעגנט מיטיען ביים האָטעל „אינטוריסט".

– פאָרסט אַוועק? – האָט ער צי געפרעגט צי קאָנסטאַטירט מיט שפּאָט. – כ'בין די טעג געקומען פון דאָרטן. גלייב מיר, אַז ס'איז ניט אַלץ אַזוי פויגלדיק. פאַרקערט, גראַדע דאָ עפּענען זיך אַזעלכע פּערס־פּעקטיוון... אַנטשולדיק, – ער האָט דערזען אַ גראָוון מאַנצבל וואָס איז אָקאָרשט אַרויס פונעם האָטעל. – כאַי פרעדי! אַי עם כיאַ! – מיטיע האָט מיר אויף גיך אַריינגעשטופּט די האַנט. – איך מוז, צום באַדויערן, לויפן, דאָס לעבן איז איצט בכלל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ כסדרדיקן אַרומטראָגעניש...

און ער האָט געגעבן אַ לויף צום גראָוון מאַנצבל. מער האָב איך אים דערווייל ניט געזען.

# די ירושה

# די ירושה

דעם אַלטן קונינס פּאָרטרעט הענגט צווישן צוויי אַלטע כינעזישע וואַזעס, וואָס שטייען אויף דער שוואַרצער פּאָלירטער פּיאַנע. איבער דער שפּיגל־גלאַנציקער שוואַרצקייט האָט אַמאָל דורכגע־לייגט זיין וועג אַ קאַראַוואַן פון זיבן ראַסעווע העלפאַנדלעך – דער אייביקער יצר־הרע פון עדיקס קינדעריאָרן. היינט טיקטאַקעוועט דאָ, קוים וואָס צו הערן, אַ מאַסיווער זייגער, אַ זעלטענער אַנטיק. דער זייגער טראָגט אַ מעטאַל טאָוועלע, וואו מיט אַ שיינעם כתב איז אויסגראַווירט: „דעם חשובן יוסף פּייוולאָוויטש קונינען פון זיינע קאָלעגן. 26 מאַרץ 1970".

שבת. עדואַרד ליגט אויפן דיוואַן, מיטן נאַקן צו דער פּיאַנע, צום פּאָטערס פּאָרטרעט. ער איז היינט ברוגז אויף אַלעמען: אויף דעם פּאָטער, אויף דעם זון, אויף דעם ווייב, אויף זיך אַליין.

ביים דיוואַן, אויף אַ דרייפוסיקן זשורנאַל־טישל ליגט דער בריוו, וואָס עדואַרד האָט נאָרוואָס אַרויסגענומען פונעם פּאָסטקעסטל. זיך אָנטאָן האָט זיך אים ניט געוואָלט, און די פיר טרעפּמאַרשן ביזן פּאָסטקעסטל און דעם צוריקוועג איז ער דורכגעלאָפן אַזוי גיך, אַז ער האָט אַפילו ניט געפילט די קעלט אויף די היפּשע שטחים פון זיין לייב, וואָס די מאַיקע און די טריקאָטאַזשנע הויזן מיט ווייסע לאַמפּאַסן האָבן איבערגעלאָזט נאַקעט.

דעם בריוו האָט ער באַמערקט בלויז נאָך דעם, ווי ער האָט

דורכגעקוקטביידע צייטונגען, וואָס ער באַקומט. דער בריוו איז געווען פונעם זון. מישע האָט געשריבן פון מאָסקווע, אַז זיי האָבן אונטערגעזוכט אַ דאַטשע הינטער נאָווי יערוסאַלים. ס׳וועט קאָסטן אַכט טויזנט. צוויי טויזנט גיט זיי מאַרינעס פאָטער, דער שווער, נאָך צוויי טויזנט האָבן זיי אַליין, קלעקט זיי ניט פיר טויזנט. האָפט ער, מישע, אַז זיינע עלטערן וועלן אים העלפן, וואָרעם זיי פאַרשטייען דאָך, ווי ס׳איז וויכטיק פאַר אַנדרייען, זייער אייניקל.

די לעצטע שורות פון דעם בריוו לייענט קונין איבער דריי מאָל. ער שטייט אויף און טוט אָן דעם סוועטער מיט אַן אָפּגעבליאַקעוועטער אויפשריפט „אַוואַנגאַרד״. אים איז ראַפּטום געוואָרן קאַלט, גלייך ווי ער האָט בלויז איצט דערפילט, אויף וויפל עס איז אומזיניק אַרומצולויפן ווינטערצייט אין אַ מאַיקע.

ער לאָזט זיך צום ווייב, אָבער שטעלט זיך אָפּ ביי דער טיר אויף עטלעכע ווייַלעס, קערט זיך אום צום דיוואַן און לייגט זיך ווידעראַמאָל אַוועק מיטן נאַקן צו דער פּיאַנע.

דאָס ווייב פאַרנעמט זיך אינעם צווייטן צימער מיט דריי מיידלעך, גרייט זיי צו אַן אַריינטרעט־עקזאַמען אין אָרטיקן פּעדאינסטיטוט. ביזן סוף פון דעם לימוד איז דער אַריינגאַנג אַהין פאַר עדוואַרדן פאַרמאַכט. אַזוי איז שוין ביי זיי פאַרפירט: ער שפּילט זיין ראָלע פון דעם הויפּט אין דער משפּחה בלויז אויסער די גרענעצן פון ליזעס פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן און פון די זעלטענע מאָמענטן, ווען זי „האַלט זיך ניט איין״.

ער האָט זיך שוין אויסגעלערנט דערקענען אַפּריער די אויפברויזן, בשעת וועלכע זי, געוויינלעך זייער אַ צוריקגעהאַלטענע, קאָן אָנרעדן אַ שלל מיט בייזע ווערטער אָדער אַפילו געבן אַ פּאָר פּעטש אין פּנים. דאָס ערשטע מאָל האָט ער דערזען און דערפילט אַזאַ אָנפאַל מיט דרייסיק יאָר צוריק.

ס'איז געווען ערב חנוכה, ווען עדיקס און ליזעס באָבעס האָבן זיי געשיקט צום אַלטן כהנען, וועלכער האָט געוואוינט אויף דער פּאָבעדאַ גאַס און געשאָכטן עופות פאַר יענע יידן, וואָס האָבן ניט געהאַלטן פונעם „קאַזיאָנעם" שוחט.

אין זיין נייער קאָמבינירטער „באָבאָטשקע"* האָט זיך עדיק געפילט גאַנץ דרייסט. פאַר אים איז ניט געווען קיין סוד, אַז ער איז שיין און געפעלט מיידלעך. דערצו נאָך איז ער אָקאָרשט געקומען פון אָדעס, וואו ער האָט פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט אין רעפּובליקאַנישע פאַר־מעסטונגען פון גימנאַסטן. הקיצור, ער האָט זיך געפילט ווי אַ פריש אויסגעבאַקענער קינאָ־סטאַר.

ליזע איז אים גלייך געפעלן געוואָרן: בלאָנדע האָר, ערנסטע שוואַרצע אויגן, און די פינגער – דינינקע, כמעט דורכזיכטיקע, מיט לענגלעכע ניט־אַרומגעהריזעטע נעגל.

ער געדענקט שוין ניט, וואָס ער האָט איר דעמאָלט געזאָגט. אין זכרון איז נאָר געבליבן, ווי זיי גייען אינאיינעם איבער דער פּאָבעדאַ גאַס, און ער טראָגט דיביידע קוישלעך מיט נאָרוואָס כשר געשאָכטענע הינער. דערנאָך: זיי שטייען ביים קלוב פון די אייזנבאַנער. איין שפּאַן פון זיי, אין דער ברייט פונעם טראָטואַר, האָט זיך צעלייגט אַ שוואַרצע קאַץ (ס'איז געווען אַ גוטער תירוץ – וואַרטן, ביז די קאַץ וועט ערגעץ אַוועקגיין). פונעם דאַך פאַלט פלוצעם אַראָפּ אַ גרויס אייזצעפּל, באַשפּריצט מיט שפּליטערס די רואיק דרעמלענדיקע קאַץ. זי שפּרינגט אונטער און לאָזט זיך צו אַן אַלטן ריזיקן טאָפּאָל מיט אַ שיטעוודיקער קאָרע...

דעם זעלבן טאָג, אויפדערנאַכט, זיינען זיי געווען ביי איזיע עלקינען, „אַ שטאָלץ פונעם שטאָטישן ספּאָרט", נאָר אין געראַנגל. זיי זיינען געזעסן אין אַ ווינקל פון אַן אומגעהייערן דיוואַן, געקוקט אויף

---

*) אַ מין רעקל.

אַנדערע פּאָרלעך, וואָס האָבן געטאַנצט אויף אַ פּיאַטאַטשאָק צווישן אַ רונדן טיש און אַ צעצווייגטן פּיקוס, אויף וועלכן איזיע האָט אויפגעהאַנגען אַלע זיינע מעדאַלן.

ליזע און עדיק האָבן אויך עטלעכע מאָל געטאַנצט. אין צימער איז געווען האַלב פינצטער. עס האָט געברענט בלויז איין טיש לאָמפּ. ליזען האָט זיך געדוכט, אַז זיי אַלע זיינען העלדן פון העמינגווייען, וועמענס ביכל האָט מען איר ניט לאַנג צוריק געגעבן אויף איין אָוונט.

שפּעטער האָבן זיי געזונגען. איזיע האָט פאַרמאָגט אַ שיינעם באַריטאָן, און ליזע, אַן אָפּשטאַמלינג פון אַ מוזיקאַלער משפּחה, האָט אַ שעפּטשע געטאָן וועגן דעם עדיקן אין אויער. אַזעלכע ווערטער, ווי „באַריטאָן", „סאָפּראַנאָ" און „קאָנטראַלטאָ", זיינען פאַר עדיקן געווען לגמרי אומזיניק. ער האָט באַשלאָסן ניט דורכלאָזן אַזאַ געלעגנהייט:

– און וואָס פאַר אַ קול איז ביי מיר? – האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן אין ליזעס אויער. אויף אַ רגע האָט זיך אים אַפילו אויסגעוויזן, אַז ער פילט מיט די ליפּן די פאַרבלאָזע הערעלעך אויף איר לעפּל.

– אַן עקלדיק, – האָט ערנסט און אויך בלחש געענטפערט ליזע.

זיי זיינען אַוועק מסתמא די ערשטע. איזיע איז אַרויס מיט זיי אין קאָרידאָר.

– איזיע, האָב ניט קיין פאַראיבל, אויב ליזע האָט זיך היינט געפירט ניט אַזוי ווי מע דאַרף.

אויף אַזאַ אופן האָט עדיק געוואָלט נעמען נקמה פאַר זיין „עקלדיק קול".

גראָד דעמאָלט, אויף די פינצטערע טרעפּ, גלייך נאָך דעם ווי איזיע האָט פאַרמאַכט הינטער זיי די טיר, האָט ער באַקומען זיין ערשטן פּאַטש.

דער אַלטער קונין האָט אַלע יאָרן געקליבן געלט. האָבן מזומנים איז געווען זיין טרוים. מע קאָן אפשר אַפילו זאָגן, אַז ס'איז געווען אַ

ליכטיקער טרוים, ווייל קונין האָט געשטרעבט ניט צו אַ באַליביקן קאַ־
פּיטאַל. דעם איינציקן וועג צו זיין עשירות האָט ער געזען אין
האָרעוואַניע. דאָס גאַנצע לעבן האָט ער ניט געקאָנט פאַרגעסן וועגן אַכט
רובל – אַ פינפערל און אַ דרייערל, וואָס ער האָט אַמאָל אונטערגעקליבן
אין טראַמוויי. ס׳האָט אים געמאַטערט דאָס געוויסנביסן: איידער
אַריינלייגן אין קעשענע די שוין צעטאָפּטשעטע קערבלעך, האָט ער פריער
געמוזט אויספרעגן די פּאַסאַזשירן: אפשר איז דער שלימזל נאָך געווען
ניט אַרויסגעגאַנגען פונעם וואַגאָן...

אין דרייסיקסטן, נאָך דער מוטערס טויט, איז קונין אַריבערגעפאָרן
קיין דאָנבאַס, וואו זיין פעטער האָט אים איינגעאָרדנט אויף אַרבעט אין אַ
שאַכטע. מע האָט אים גלייך באַמערקט: אַ קרעפּטיקער, אַן אַרבעטזאַמער
און אַ גראַמאַטנער – ביי זיך אין שטעטל האָט ער באַוויזן צו פאַרענדיקן
פינף צי זעקס קלאַסן. אינגיכן איז ער געוואָרן אַ בריגאַדיר און אַ
שלאָגלער.

מיט לידען האָט זיך קונין באַקענט, ווען זי איז אָנגעקומען צו זיי
אויף דער שאַכטע אַרבעטן אַלס חשבון פירערין. לידעס עלטערן,
באַזונדערס דער פאָטער, זיינען געווען קעגן אַזאַ שידוך. אַ בוכהאַלטער
אין שטאָטישן פאָטשטאַמט, איז לידעס פאָטער אַמאָל, פאַר דער
רעוואָלוציע, געווען אַ פאַרוואַלטער פון אַ גרויסער נחלה ערגעץ ניט
ווייט פון כערסאָן. יוסף, אַ שטרייכערס אַ זון, איז געווען צו פּראָסט פאַר
זיין בת־יחידקע. לידעס מוטער איז געווען ווייכער געשטימט, וואָרעם זי
האָט געפילט, קוקנדיק אויף קונינס ברייטע פלייצעס און ריזיקע דלאָניעס,
אַז קיין שום קללות וועלן שוין ניט איינהאַלטן זייער טאָכטער.

לידע איז געווען אַ שטילע, האָט מורא געהאַט צו זאָגן אַ וואָרט
קעגן איר היציקן מאַן. זי האָט שלום געמאַכט מיט זיין קאַרגשאַפט, זיך
געדונגען אין מאַרק איבער אַ קאָפּיקע, האָט אַפילו אָנגעהויבן האָבן הנאה
פון קלייבן געלט.

ווען קונין איז געקומען פון דער מלחמה, האָט אים עדיק באַגעגנט אין פאַרלאַטעטע הויזן, מיט אַ געדיכטער שעוועליור, און אָן דעם קלאַנג „ר". אין עטלעכע טעג אַרום נאָך זיין אומקערן זיך אַהיים האָט קונין געפונען אַ „לאָגאָפּעדישן מעטאָד", וואָס האָט געהאַט אַ וואונדערלעכע פּעולה: ער האָט געקויפט דעם פעלנדיקן קלאַנג פאַר צען „הענדעלעך", רויטלעכע צוקערקעס אויף אַ שטעקעלע. אויסקליאַנטשען דאָס נאַשוואַרג ביי דער מוטער האָט עדיק צו יענער צייט זיך שוין מיאש געווען („ניטאָ וואָס צו פטרן געלט אויף דער רוח ווייסט וואָס"), און דאָס „הענדעלע" איז געוואָרן פאַר אים ממש אַ חלום אויף דער וואָר.

מיט דריי יאָר צוריק האָט דער אַלטער אָפּגעברענט פאַר עטלעכע טעג.

נאָך זונטיק איז ער צוזאַמען מיטן זון און מיט דער שנור אָפּגע־שטאַנען כמעט אַ גאַנצן טאָג, איבעראַרבעטנדיק צוואַנציק קאָסטנס מיט פּאָמידאָרן. עדוואַרד האָט זיי האַלב אומזיסט געקויפט ערגעץ אין אַ דאָרף.

ליזע האָט געגרייט די באַנקעס, איבערגעקליבן די פּאָמידאָרן. עדוואַרד האָט מיט אַ טעמפּער גלייכגילטיקייט געדרייט דאָס זאַפט־מילכל. און דער אַלטער קונין איז געווען פאַרנומען אויף די שלוס אָפּעראַציעס: צעלייגט די פּאָמידאָרן אין באַנקעס, זיי פאַרגאָסן מיט ראָסל צי מיט טאָמאַטן־זאָפט, פּאַסטעריזירט, פאַרדרייט די דעקלעך.

מאָנטיק אינדערפרי האָט דער אַלטער זיך דערפילט שלעכט. מע האָט אַרויסגערופן „גיכע הילף", וואָס האָט אים אָפּגעפירט אין שפּיטאָל.

נאָך וואַרטנדיק אויף דער „ניעאָטלאָזשקע"*, האָט קונין איבערגעגעבן דעם זון (ליזע איז פונקט אַרויסגעגאַן פונעם צימער), וואו עס ליגן אַלע זיינע שפּאָר־ביכלעך, אָבליגאַציעס און דאָס מזומן. ער האָט איבערגערעכנט אויף די צוויי פינגערלעך און אַ זייגערל, וואָס זיינען

*) אַמבולאַנס.

געבליבן נאָך דער מוטער, און זיין, קונינס, נאָמענלעכן זייגער, מיט וועלכן מע האָט אים פּרעמירט אין קיעוו נאָך אין ניין און דרייסיקסטן יאָר.

– אַרום און אַרום לאָז איך דיר איבער מער ווי צוואַנציק טויזנט רובל, – האָט ער אונטערגעפירט דעם סך־הכל.

די ירושה האָט גלייך ווי צוגעקוועטשט עדואַרדן. באַזונדערס האָבן אים ניט געלאָזט לעבן די אָבליגאַציעס. מיט די אַלטע איז כאָטש געווען אַלץ קלאָר: וואַרט ביז מע וועט זיי דעקן. דאָס גאַנצע קאָפּדרייעניש איז געווען מיט נייע אָבליגאַציעס. צי וואַרטן אויף אַ געווינס, צי אָנשפּייען אויף די מטושטשע האָפענונגען און אַוועקלייגן די דריי טויזנט אויף אַ טערמיניקער קאָנטע, באַקומענדיק די גאַראַנטירטע פּראָצענטן.

קיין רו האָט אים ניט געגעבן אויך דער מוסטער פון גרישע קאָצן, וועלכער אַרבעט מיט אים אין איין ספּאָרט שול. יענער גיט געלט אויף פּראָצענט. ווען דער פאָטער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון העלפן זיי צו באַצאָלן פאַר דעם יוגאָסלאַווישן ווייכן מעבל, האָט עדואַרד אַליין געליען ביי קאָצן אָנדערהאַלבן טויזנט רובל, און אומקערן האָט ער געמוזט שוין אויף אַ הונדערט און פופציק רובל מער. אויף אַזאַ אופן קאָן מען, פאַרשטייט זיך, גאָר ניט שלעכט פאַרדינען. אָבער מע דאַרף דאָך זיך אַנטשליסן צו געבן געלט פרעמדע מענטשן, אַזוי ווי עס גיט קאָץ – אָן שום חתימה צעטלעך. דאָס איז ניט פאַר עדיקס נערוון.

מישען, דעם זון, האָט עדואַרד ניט דערציילט וויפל ס׳האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך דער זיידע. גיב נאָר זיין מאַרינען געלט, וועט זי עס צעטרענצלען פאַר אַ וואָך. אַ באָהעמע! דער מחותן איז אַ שטיקל סקולפּטאָר. ניט קיין ראָדען און ניט קיין שאַדר, אָבער באַשטעלונגען באַקומט ער צומאָל. דעמאָלט לעבן זיי אַ משוגענעם טאָג: דאָס געלט פליט אין אַלע זייטן. דערנאָך ליגן זיי אין דער ערד און באַקן בייגל.

אַ טויזנטער האָט אָבער ליזע ביי אים אַרויסגעריסן פאַר זיי. ער האָט איר דעמאָלט גלייך געזאָגט, אַז קיין פינגער דאַרף מען ניט ווייזן. ניין. „אויף וואָס דאַרפסטו צען טויזנט קערבלעך?" זי ווייסט ביי אים, אַז דער פאָטער האָט איבערגעלאָזט בלויז צען טויזנט. גיב איר פרייהייט, וועט זי אַלץ איבערשיקן קיין מאָסקווע.

יאָ, ער איז טאַקע געווען געערעכט. איצט גיב זיי נאָך פיר טויזנט אויף עפּעס אַ דאַטשע. מענטשן פון אַ דאַטשע! אַנדערע וואָלטן געקאָנט אַפילו פאַרדינען אויף דעם. ער האָט געהערט, אַז מאָסקווע איז פול מיט בעלנים, וואָס זיינען גרייט צו צאָלן ביז אַ טויזנטער פאַר אַ סעזאָן, אַבי זיך אַרויסרייסן מיט די קינדער פונעם שטיינערנעם מוראַשניק. אָבער די דאָזיקע קאָמפּאַניע וועט דאָך מאַכן פון דער דאַטשע אַ מין מקום מנוחה פאַר די פרעכע טיפּן פון „פרייער קונסט", וועלכע קאָנען קומען אויף אַ וואָך מיט אַ טאָרט פאַר אַ דרייערל און ווייסן רק איין זאַך – ריידן. מע רעדט און מע רעדט. ווי אַ פּערפּעטואום מאָבילע. ליזע קלייבט נחת פון דער דאָזיקער פּלאַפּלעריי. ער אָבער סטאַרעט זיך ערגעץ אַוועקגיין, ווייל נאָך אַ שעה־אָנדערהאַלבן פון אַזעלכע ריידערייען גלוסט זיך זיי געבן אין די ציין, אָט די אַלע „פרייע קינסטלער".

עדואַרד הערט זיך צו צום גערויש אין דעם אַנדערן צימער. דאַכט זיך, ליזעס תלמידים קלייבן זיך שוין אַוועקגיין.

באַלד וועט אַרויסגיין ליזע, און עס וועט זיך אָנהייבן...

# אַנע איוואַנאָוונע

# אַנע איוואַנאָוונע

קלאַווא לעבט אויף איין שטאָק מיט אַנע איוואַנאָוונען און שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ תּמיד אויף עמעצן ברוגזע קאַסירשע פֿונעם גאַסטראָנאָם „דאַרי סעלאַ" („די מתּנות פֿונעם דאָרף"). גייענדיק אויפֿדערנאַכט פֿאַרביי דער באַנק ביי דער אַריינגאַנג טיר, האָט זי אַ בורטשע געטאָן צו די זיך געדיכט אויסגעזעצענע שכנים, אַז מאָרגן וועט מען ביי זיי אין קלייט „אַרויסוואַרפֿן" רינדפֿלייש און אפֿשר אַפֿילו חזירשע פּיסלעך.

ביי קלאַווען איז אַזאַ לעבנס־פּאָזיציע: קריגן עפּעס פֿאַר די שכנים – דאָס ניט, אָבער וואָרענען, אַז אין זייער קלייט האָט מען פֿאַרפּירט קאָלבאַס, פּוטער אָדער נאָך עפּעס אַ זעלטנהייט – וועגן דעם פֿאַרגעסט זי ניט. אמת, קיין דאָגמאַטיקער איז קלאַווא ניט געווען. איר לעבנס־פּאָזיציע איז ניט געווען עפּעס אויף אייביק אָן איינגעשטעלטע: צומאָל פֿלעגט זי זיך קאַרדינאַל בייטן. אַזוי איז געווען, למשל, אין משך פֿון די צוויי יאָר, ווען זינע, אַנע איוואַנאָוונעס טאָכטער, איז געווען אַ לערערין אין דעם קלאַס, וואו עס האָט פֿאַרטעמפּט דעם מח קלאַוועס מיזיניק. דאַן פֿלעגט ביי אַנע איוואַנאָוונען אויפֿן טיש זיך ניט אויסלאָזן דער אָדער יענער מאכל. איינמאָל זיינען זיי געבליבן גאָר דערשיטערט: קלאַווא האָט געבראַכט קאָנסערווירטע רינדענע צינגער – אַזוינס, וועגן וואָס ניט אַנע איוואַנאָוונע, ניט זינע האָבן פֿריער קיין אַנונג נישט געהאַט. די דאָזיקע צינגער האָבן געמאַכט אַזאַ שטאַרקן איינדרוק אויף די פֿרויען, אַזויפֿיל איז וועגן דעם געווען דערנאָך אַרומגערעדט, אַז דער איינמאָליקער טעם

פונעם געריכט איז סוף כל סוף געוואָרן אַ מין פאַמיליע מסורה. אָבער קלאַוועס זון האָט באַלד נאָך דעם פאַרענדיקט צען קלאַסן, און אינעם הויף איז ווידער אויפגעשטעלט געוואָרן די גלייכרעכטיקייט פון אַלע שכנים...

האַלב זיבן, אַפילו ניט אויסגעטרונקען קיין גלאָז טיי, איז אַנע איוואַנאָוונע געווען ביי דער קלייט, לעבן וועלכער עס האָט זיך שוין געווימלט אַ היפשער עולם. אַ טייל – די סאַמע ערשטע אין דער ריי – האָבן זיך פאַנאַנדערגעזעצט אויף ליידיקע קעסטלעך פון פּאָמידאָרן, אַנדערע האָבן זיך געטוליעט צו אַ לאַנגן וויטרינע־פענצטער, וואו עס זיינען אַרויסגעשטעלט געווען באַנקעס מיט מילגרוים זאַפט, ווי אויך אַ גרויסער סטענד מיט קאַליגראַפיש איבערגעשריבענע כללים פון סאָוועטישן האַנדל.

די לעצטע אין דער ריי איז געשטאַנען נאַזאַראָוונאַ, אַ גראָבע קראַנקן־שוועסטער פון זייער פּאָליקליניק.

– איר, אַנע איוואַנאָוונע, וועט זיין די זיבן און ניינציקסטע, – האָט נאַזאַראָוונאַ געענטפערט אויף דער טראַדיציאָנעלער שאלה וועגן דעם, ווער איז, הייסט עס, דער לעצטער.

לויט די ניט־געשריבענע, אָבער פון לאַנג קאַנאָניזירטע תקנות, האָט יעדער געקאָנט רעזערווירן פאַר זיך אַן איבעריקן נומער. דעריבער, ווען אַן אומבאַקאַנטע פרוי מיט אַ גרויסן פליאַזש קוישל איז צוגעלאָפן און אַ קוויטשע געטאָן: „וועלכער וועט זיין מיין נומער?“ – האָט אַנע איוואַנאָוונע אויטאָמאַטיש געענטפערט, נאָכפאָלגנדיק דעם לאַנגאָניקן דין:

– דער ניין און ניינציקסטער.

אַן ערך אַ האַלבע שעה האָט אַנע איוואַנאָוונע זיך אַרומגעדרייט לעבן דער קלייט, כדי מע זאָל זי פעסט פאַרגעדענקען – סיי די ווער עס האָט נאָך קאַיאָר פאַרכאַפּט די ערטער אין פאַרטער אויף די פּאָמידאָרן־קעסטלעך, סיי די גאַליאָרקע ביים וויטרינע־פענצטער (זי האָט גוט

געוואוסט די גרייטקייט, מיט וועלכער אַ ריי כאַפּט אונטער דעם ווערדיקט: „איר זייט דאָ ניט געשטאַנען״).

אַ דאַרע ברייטפּלייציקע פרוי מיט צעשוווּנקטע שפּורן פון אַ נעכטיקן מאַקיאַזש האָט הילכיק דערציילט, ווי מע האָט איר אַנומלט געמאַכן אַן אַבאָרט אינעם דריטן קימפּעט הויז אויף דער „45 יאָר פון דער סאָוועטישער אוקראַינע״ גאַס, לעבן דער מוזיקאַלישער שול. אַנע איוואַנאָוונע האָט זיך איינגעהערט, ווייל אַלס הויפּט־דאָקטער אַרבעט דאָרט אַ ווייטער קרוב, וועלכער, ווי זי האָט געוואוסט, „נעמט״ — איר זינע האָט אים אַליין אַ פּאָר מאָל אונטערגעטראָגן מתנות. דעריבער טאַקע האָט זי מורא געהאַט, אַז ס׳וועט זיך באַלד פּאַרפירן אַ שמועס וועגן כאַבאַרן. אָבער די דאַרע פרוי האָט פאַנאַנדערגעפלאָכטן גאָר אַן אַנדער סיפּור־המעשה פאַרבונדן מיט איר פרויען־מזל בכלל, און אַנע איוואַנאָוונע, געוואָרנט די אומבאַקאַנטע מיט אַ פליאַזש קוישל, האָט זיך געלאָזט צום מאַרק.

מיט פּאָמידאָרן האָט איר גלייך אָפּגעגאָלטן. אויף אַ מאָטאָציקל איז אָקאָרשט צוגעפאָרן אַ פאַרשטויביקט יאַטל אין אָפּגעקראָכענע סאָלדאַטישע גאַליפע הויזן, ער האָט געבראַכט אַ פול ביי־וועגעלע מיט „אָקסן־הערצער״ — פליישיקע פּיאָלעטעווע גיגאַנטן, און זי האָט זיי ביי אים אַרויסגעכאַפּט — „אויף אַ פּעטשאַטעק״ — צו אַכציק קאָפּיקעס אַ קילאָ. געקויפט נאָך עפּל און אַ פּאָר דיניעס־„קאָלכאָזניצעס״, האָט זי באַשלאָסן, אַז קאַווענעס וועט זי נעמען אַן אַנדערש מאָל, ווייל צו אַכט אַזייגער, ווען ס׳עפנט זיך די קלייט, דאַרף מען אומבאַדינגט זיין אין דער ריי.

ביים פאַרצוימטן מיט פּאַלאַטקעס אַרויסגאַנג פונעם מאַרק האָט אַנע איוואַנאָוונע באַגעגנט ראָזע מיטניק.

— איר האָט געהערט, וואָס עס דעראַרבעטן ווידער די דאָזיקע גזלנים? — איז ראָזע גלייך אָנגעפאַלן אויף אַנע איוואַנאָוונען,

בלינצלענדיק מיט די איינציקע און דריבער באַרימטע אין דער גאַנצער שטאָט פענסנע. אַנע איוואַנאָוונע איז שוין צוגעוואוינט געוואָרן, אַז אָט די איינזאַמע, פון קינדווייז אָן כמעט בלינדע פרוי, אַן אַמאָליקע לערערין פון געשיכטע מיט אַ צונאָמען „ברילן שלאַנג", האָט דאַכט זיך ניט געהאַט קיין אַנדערע דאגות איסער די רדיפות פון די ישראלדיקע אַגרעסאָרן.

– פלייש דאַרפט איר? איך האָב אַן איבעריקן נומער. – קיין ישראל איז מיט אַ יאָר צוריק אַרויסגעפאָרן אַנע איוואַנאָוונעס גלידשעווסטערקינד, דעריבער פלעגט זי לעצטנס ראָזעס קללות בנוגע די ציוניסטן אויפנעמען אַזוי, גלייך ווי דאָס מיינט מען זי. – אפשר וועט מען פאַרקויפן אויך פיסלעך. – זי האָט געוואוסט, מיט וואָס מען קאָן צוגעבן חשק איר קמצנישער באַקאַנטער. איין קלייניקייט! אַזאַ מציאה צו פינף און צוואַנציק קאָפּיקעס אַ קילאָ.

אַזוי האָט זיך טאַקע באַקומען. אַנע איוואַנאָוונע האָט געקויפט צוויי קילאָ רינדפלייש און פיר פיסלעך פאַר אַ כאָלאָדיעץ, און ראָזע האָט קיין פלייש ניט גענומען, זיך באַנוגנט בלויז מיט פיסלעך.

ס'איז שוין געווען ביי צען אַזייגער, ווען אַנע איוואַנאָוונע האָט זיך אומגעקערט אַהיים. ביים אַריינגיין אין הויז האָט זי זיך געוואוינשאַפטלעך פאַרקרימט. שוין עטלעכע יאָר, ווי מע זאָגט זיי צו אַוועקשטעלן אַ קאָדירטן שלאָס, כדי סוף כל סוף פּטור ווערן פונעם השתנה עיפוש, וועלכן עס לאָזן איבער נאָך זיך די שטענדיקע קונים פון דער דערבייאיקער ווייַן קראָם – און אַלץ אומזיסט: מע רעדט, מע רעדט, און די שיכורניקעס הערן ניט אויף דערווייל אויסנוצן זייערע טרעפּצווישנס סיי ווי אַ בופעט, סיי ווי אַן אָפּטרעט.

צווישן די צייטונגען, וועלכע אַנע איוואַנאָוונע האָט אַרויסגענומען פונעם פּאָסטקעסטל, האָט זי פלוצעם דערזען אַ מאָדנעם קאָנווערט. עטלעכע ווײַלעס איז זי געשטאַנען אויף די טרעפּ צווישן דעם ערשטן און צווייטן עטאַזש, האָט געדרייט דעם בלויען גראָדעק, אָבער

פאַנאַנדערקלייבן עפּעס וואָס אָן די ברילן האָט זי סיי ווי ניט געקאָנט. פאַרזאָרגט האָט זי זיך אַ לאָז געטאָן צו איר דירה, גיך געעפנט די טיר, אַ וואָרף געטאָן אירע קוישלעך גלייך ביי דער שראַגע און אַ פאַרסאָפּעטע אַריינגעלאָפן אין דער קיך, וואו עס זיינען אויפן טיש, נאָך איינגעמען נעכטן אויפדערנאַכט די רפואות, געבליבן ליגן די ברילן.

אויפן קאָנווערט איז געווען עפּעס אָנגעשריבן מיט לאַטיינישע בוכשטאַבן, אין וועלכע אַנע איוואַנאָוונע איז קיין בקי ניט געווען, אָבער זי האָט כמעט גלייך אַרויסגעכאַפּט פונעם צוריק אַדרעס: M. Kotik. זיך אַראָפּגעזעצט אויף אַ טאַבורעטקע, האָט זי מיט אַ גאָפּל געעפנט דעם קאָנווערט און אַרויסגענומען עטלעכע זייטלעך, געדיכט פאַרשריבענע מיט יידישע אותיות...

ניין, ס׳איז אַ פּוסטע טירחה. זי פאַרשטייט גאָרניט. דאָס לעצטע מאָל האָט זי געלייענט אויף יידיש ערגעץ אין צוואַנציקסטן יאָר, ווען צו זיי אין שטוב פלעגט אַריינגיין אַ יידישער לערער — דער לעמעכעוואַטער, סלינעדיקער ברוך־משה פּיסקון, מיט וועלכן זי האָט זיך שפּעטער, ערב דער מלחמה, פלוצעם צונויפגעטראָפן אין ראָוונע, וואו ס׳איז דעמאָלט געשטאַנען איר מאַנס דיוויזיע. ווער ווייסט, אפשר טאַקע אַדאַנק פּיסקונען איז איר מאיר געבליבן כמעט דער איינציקער העכערער אָפיצער פונעם דיוויזיע שטאַב, וועלכן מע האָט ניט „אויסגעריייניקט" אין יענע שוואַרציאָריקע צייטן. מאיר האָט אויך דעם נס אויפגענומען ווי פּיסקונס חסד — יענער איז דאָך געווען אַ גאַנץ וויכטיקע פיגור אין די אָרטיקע „פיר אותיות".

מ. קאָטיק. גאָטעניו! ווי אַזוי זשע האָט זי גלייך ניט פאַרשטאַנען! דאָס איז דאָך אַוודאי מאָטל, איר ברודער, וועלכער האָט אין ניינצנטן, ניין — אין אַכצנטן יאָר זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פור, אינאיינעם מיט שמחה סיטשקאַרניקס משפחה — זייערע שכנים צי ווייטע קרובים, און איז אַוועקגעפאָרן. זיי זיינען דעמאָלט געבליבן זאַלבעצווייט — די מאַמע און

זי, חנה. דער פֿאָטער, יונה קאָטיק, איז געשטאָרבן פֿריער, נאָך פֿאַר דער רעוואָלוציע.

פֿון די בריוו, וואָס די מוטער פֿלעגט דערנאָך באַקומען פֿון מאָטלען, האָט חנה געוווּסט, אַז ער איז מער ווי אויף אַ יאָר געבליבן שטעקן אין פּוילן, האָט פֿאַרדינט, אַרבעטנדיק אויף אַ פֿאַבריק אין לאָדז, אַ ביסל געלט, כּדי איבערוואַנדערן קיין אַמעריקע. אין ניין און צוואַנציקסטן, ווען חנה האָט חתונה געהאַט פֿאַר מאיר דייטשן, דעם ערשטן קאָמוניסט אין אָרטיקן צוקער זאַוואָד, האָט די מוטער געזאָגט חנהן, אַז זייער מאָטל איז ביי זיך אין אַמעריקע אויך געוואָרן אַ פּאַרטייעץ און איז געפֿאַלן דאָרט אין קאַמף קעגן דער אַלוועלטלעכער בורזשואַזיע. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מאיר דייטש אויף אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון זיין פּאַרטיי קעמערל גערעדט מיט אימפּעט וועגן דער ביטערער דאָליע פֿונעם אַמעריקאַנער פּראָלעטאַריאַט, וואָס פֿאַר זיין פֿרייהייט האָט אָפּגעגעבן דאָס יונגע לעבן זייער לאַנדסמאַן מאָטל קאָטיק. (און חנהס מוטער האָט אין דעם זעלבן אָוונט געשריבן בשתיקה אַ בריוו קיין פֿילאַדעלפֿיע: זי האָט געוואָרנט דעם זון, אַז וויבאַלד זיין שוואָגער ווערט אַ גאַנצער נאַטשאַלניק צווישן די היגע באַלשעוויקעס, דאַרף מאָטל פֿון חנהס וועגן איבעררייסן אַלע פֿאַרבינדונגען מיטן היימשטעטל. לכל־הפּחות ביז אַ צייט – ביז וואַנען די וועלט וועט ניט ווערן כאָטש אַ ביסל ניכטערער.)

אַנע איוואַנאָווּנע האָט גענומען אויפֿשטעלן אין זכרון, צו וועמען זי קאָן זיך ווענדן, מע זאָל איר איבערלייענען דעם בריוו. דער ערשטער געדאַנק איז געווען וועגן ראָזע מיטניק. ראָזע דאַרף אַוודאי געדענקען די שפּראַך און דער עיקר די אותיות – ניט אומזיסט האָט זי פֿאַר דער מלחמה פֿאַרענדיקט אַ יידישן לערער־אינסטיטוט און האָט אַפֿילו באַוויזן אָפּאַרבעטן עטלעכע יאָר אין אַ יידישער דאָרף־שול. אָבער גיי דערצייל אָט דער נאָך ביז איצט איבערגעגעבענער סטאַלינען פֿרוי אַ מעשה וועגן

אַ ברודער פון אַמעריקע. ווי ס׳דערציילן בייזע צינגער, האָט ראָזע אַליין אָנגעגעבן אויף איר אייגענעם ברודער, ווייל יענער איז אַמאָל געווען אין עפּעס אַן אָפּאָזיציע. ניין, בעסער שוין האָבן צו טאָן מיט מאירס שוועסטערקינד זלמן. יענעם דאַרף מען ניט דערקלערן, ווער עס איז מאָטל און וואו ער איז. זלמן ווייסט די גאַנצע געשיכטע ניט ערגער פון איר. אינעם שטעטל זיינען זיי דאָך געווען שכנים, און זלמן גופא איז שיער ניט אין איין עלטער מיט מאָטלען. זי געדענקט שוין ניט, אפשר האָבן זיי זיך אַפילו געחברט.

זלמן איז, פאַרשטייט זיך, אינדערהיים. וואו קאָן ער נאָך זיין. מיט זיינע שטענדיק אָנגעשוואָלענע פיס גייט ער כמעט ניט אַראָפּ פונעם פערטן עטאַזש. אים חידושט, נאַטירלעך, צוליב וואָס קלייבט זיך חנה תיכף פאָרן צו אים. ביטע, זאָל זי קומען, אָבער וואָס איז געשען? זלמן איז גלייך ווי נעכטן געבוירן געוואָרן: מע קאָן מיינען, אַז ער פאַרשטייט ניט די געפערלעכקייט פון אַ טעלעפאָן געשפּרעך. און זי זאָגט אים טאַקע אַזוי: דער ענין איז ניט אַזאַ מע זאָל אים באַהאַנדלען דורכן טעלעפאָן.

שוין נאָכן אַוועקלייגן דאָס טרייבל האָט זי אַ טראַכט געטאָן, אַז מאיר וואָלט געווען שטאַרק ניט צופרידן פון דעם, וואָס זי האָט אין אַזאַ ערנסטער מינוט זיך געווענדט גראָד צו זיין שוועסטערקינד. פאַר מאירן איז זלמן תמיד געווען אַן אָפּטריניקער. צווישן קרובים טרעפט זיך אַזוי צומאָל, אַז צוויי מענטשן האָבן פיינט איינער דעם אַנדערן פון קינדוויז אָן. אמת, אין זעקס און פופציקסטן, ווען מאיר איז אַוועק אין דעמיסיע און זיי זיינען צופעליק ווידער געוואָרן בני־עיר מיט זלמנען, האָבן די שוועסטערקינדער זיך די ערשטע צייט געחברט: פאָרט נאָענטע קרובים, און נאָכן חורבן – די סאַמע נאָענטסטע. אָבער מאירן, וועלכער האָט זיך שטענדיק געסטאַרעט האַלטן וואָס ווייטער פון אַלע ענג־יידישע פראַגן, האָבן גלייך אָנגעהויבן אַרן זלמנס „שטעטלשע שטיק״. אויך מיר אַ קאָמוניסט, אַ דירעקטאָר פון אַ מיטלשול, וואָס קויפט מצה אויף פּסח און

דערציילט זײַנע קינדער און אייניקלעך ניט באָבע־מעשׂיות, ווי ס׳פּירט זיך ביי מענטשן, נאָר – מאָלט אייך אויס! – געשיכטעס פון חומש! און ער האַלט זיך נאָך גרויס דערמיט, גלייך ווי ער איז דער איינציקער חכם און אַלע אַנדערע אַרום אים זיינען גאָלע נאַראָנים. היינט זיינע שטענדיקע חקירות וועגן די בונדיסטן – יענע זיינען כלומרשט געווען גערעכט אין דער פראַגע פון קולטור אויטאָנאָמיע. אַזאַ אָפּאָרטוניזם פלעגט ביי מאירן אַרויסרופן אַ באַזונדערן צאָרן, ווייל ס׳איז שוין געווען אַ דירעקטער אָנפאַל אויף דער פּאַרטיי ליניע און, הייסט עס, אַ פאַרברעכן קעגן דער סאָוועטישער מלוכה. פון זינט אָבער עס איז אָנגעקומען די „אַרויספאָרן תקופה״, האָבן זיי זיך ביי זלמנס זון אויף דער חתונה איין מאָל פאַר אַלע מאָל צעקריגט און פלעגן נאָך דעם אויף אַלע פאַמיליען־סעודות זיצן אָנגעבלאָזן ווי אינדיקעס. און אַזוי ביז דער סאַמע מאירס לוויה, בשעת וועלכער זלמן האָט ביטער געוויינט, און דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו חנהן און האָט איר געזאָגט:

– וואָס פאַר אַ מאַלאָאומניקעס זיינען מיר אַלע. ס׳גייען אונדז אין לעבן אַזעלכע פּוסטע, אין תוך גענומען, זאַכן...

אויפן אָפּשטעל, וואַרטנדיק אויף אַ טראָליי‌בוס אין דער ריכטונג צום וואוין־מאַסיוו פונעם זעקס און צוואַנציקסטן זאַוואָד, האָט אַנע איוואַנאָוונע באַשלאָסן, אַז מאיר וואָלט זיך אַפּנים געפּירט גאָר אַנדערש. ער וואָלט געוויס אַוועק מיטן בריוו אין ראַיקאָם אָדער נאָך ערגעץ, כדי אַפריער באַהאַנדלען דעם דאָזיקן ענין מיט פאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן. ס׳איז דאָך ניט קיין געלעכטער: באַקומען פּלוצעם אַ בריוו פון אויסלאַנד, פון אַ ברודער, וועלכן מע האָט שוין אַריבער פופציק יאָר געהאַלטן פאַר אַן אומגעקומענעם. ווער קאָן גאַראַנטירן, אַז דאָס איז ניט קיין פּראָוואָקאַציע, אויף וועלכע „זיי״ זיינען פעאיק. אַנע איוואַנאָוונע האָט ניט איין מאָל געלייענט אין די צייטונגען וועגן פאַרשיידענע אידעאָלאָגישע דיווערסיעס, בפרט ציוניסטישע. די דאָזיקע יידליקעס זיינען גרייט זיך

לאָזן דינען אַלע עבֿודה־זרות אין דער וועלט. אפֿשר האָבן זיי זיך אַפֿילו דערוואוסט, אַז צו זינען גייט אַריין באָריס ניקאָלאַעוויטש – גאָר ניט קיין לעצטער מענטש אויף דעם זעקס און צוואַנציקסטן זאַוואָד. און יעדער איינער אין דער שטאָט ווייסט, וואָס פֿאַר אַ וויכטיקע פּראָדוקציע עס אַרבעט אויס אָט די פֿאַרמאַכטע אונטערנעמונג.

פֿון אַזאַ השערה האָט זיך ביי אַנע איוואַנאָוונען אַפֿילו אָנגעהויבן אַ קאָפּ־קראַצעניש. ביי איר איז אַזוי שוין פֿון לאַנג, דאָס חולאת שטאַמט נאָך פֿון ראָוונע – גלייך ווי אַ מוראַשניק פֿאַרפֿירט זיך ביי איר אין קאָפּ יעדעס מאָל, ווען זי ווערט אויפֿגערעגט.

זי האָט זיך פֿאַרהייעט און שיער ניט דורכגעלאָזט דעם טראָליבוס וואָס איז סוף כּל סוף צוגעפֿאָרן. אין דער שטופּעניש האָט זי פֿאַרגעסן אויף אַ ווײַלע וועגן דעם בריוו, אָבער ביים אוניוווערמאַג זיינען אַ סך מענטשן אַרויס, און איר האָט זיך איינגעגעבן פֿאַרנעמען אַן אָרט אויף אַ האַלב איינגעפֿאַלענעם געזעס.

דאָס קאָפּ־קראַצעניש האָט זי ווידער אומגעקערט צו די שווערע מחשבֿות.

עמעצער פֿון די פּראָוואָקאַטאָרן צי אַפֿילו אויסשפּירער האָט געקאָנט זיך דערוויסן, אַז ס'לעבט אַ משפּחה פֿון צוויי איינזאַמע פּרויען. זיי איז, פֿאַרשטייט זיך, גרינגער פֿאַרנאַרן אין עפּעס אַ פֿאַסטקע, איידער אַ מאַנצבל. נאַראָנים! זיי האָבן ניט פֿאָרויסגעזען, אַז ניט זי, ניט איר זינע זיינען נישט אַזוי שוין נאַאיוו. צוטראַכטן אַזאַ באָבע־מעשׂה מיט אָט דעם בריוו פֿון מאָטלען! אויב זי איז היינט צו טאָג פֿינף און זיבעציק יאָר אַלט, דאַרף מאָטלען זיין שוין זעקס און אַכציק, ווייל ער איז געווען, אויף וויפֿל זי געדענקט, מיט עלף יאָר עלטער פֿון איר. מילא, זאָל זיין אַז ער איז דעמאָלט ניט אומגעקומען – מאַלע וועלכע נסים טרעפֿן זיך צומאָל מיט מענטשן. אָבער אַן אונטערערדלער און אַ האָרעפּאַשניק זאָל אָפּלעבן אַזויפֿיל יאָרן, און דווקא גאָר אין אַמעריקע מיט איר באַוואוסטער

אויסמאַטערנדיקער סיסטעם פון עקספּלואַטאַציע! ס׳איז אַוודאי אַ מעשה פּאַר קליינע קינדער.

און מע האָט זי טאַקע גלייך געפּאַקט, ווי אַ קליין קינד. זי האָט געדאַרפט כאָטש האַלטן פריער אָן עצה מיט זינען, אָדער אַפילו מיט באָריס ניקאָלאַעוויטשן: כאָטש ער איז געווים אַ שעלמאַק אָן קיין ניט־אָנגערירט אָרט פּאַר אַ פּראָבע, און מיט איר זינען פירט ער זיך ווי דער סאַמע נידעריקסטער מענטש, אָבער עמעצער זאָל אים אָפּנאַרן – אַזוינס האָט אַנע איוואַנאָוונע זיך פאָרשטעלן ניט געקאָנט. ניין, לויפט זי גלייך צו זלמנען, ער זאָל קאָנען דערנאָך אינאיינעם מיט זיין גאָלדען איבערוואַשן זייערע ביינדעלעך. זי האָט אַזוי שוין אויך ניט איין מאָל געהערט פון פאַרשיידענע מענטשן, אַז גאָלדע דערציילט וועגן זינען גאָר ווילדע זאַכן... ס׳איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז זלמן האָט געקאָנט צולייגן די האַנט צו אָט דער גאַנצער פּראָוואָקאַציע מיט מאָטלס עליו־השלום בריוו. ווער, אַחוץ אים, געדענקט נאָך וועגן איר ברודער? אויב ניט ער אַליין, איז אפשר זיין תכשיט אַרקאַדי. פון אַ יונגערמאַן, וואָס הייבט אָן ביי היינטיקע צייטן לערנען יידיש, קאָן מען זיך ריכטן אויף אַלץ...

אַנע איוואַנאָוונע האָט פּלוצעם באַמערקט, אַז אַ געזונטער יאַט מיט אַ ספּאָרטיוון רענצל, וועלכער האָט זיך אינאיינעם מיט איר אַריינגע־שטופּט אין טראָלייבוס, כאַפּט כסדר אַ קוק אין איר זייט. ביים אוניווערסיטעט איז דער בחור אַרויס, אָבער זיין אָרט האָט גלייך פאַרנומען אַן אַנדערער יאַט מיט פּונקט אַזאַ רענצל.

ביי אַנע איוואַנאָוונען האָט דאָס האַרץ אַ צאַפּל געטאָן. איי, וואָס פאַר אַ טיפּש איז זי! אַ קלאָרע זאַך: ווער וועט דורכלאָזן אַזוי, אָן קיין שפּור, אַ בריוו פון אַמעריקע. און זי האָט נאָך אונטערגעהאָלפן – אָנגעקלונגען זלמנען פון איר טעלעפאָן, וועלכן מע קאָנטראָלירט שוין אַוודאי. ווייסן זיי איצט, וואוהין זי פאָרט. און זלמנען האָט זי אויך אונטערגעפירט. יענער גלייבט, נעבעך, אַז ער וועט האַיאָר אַלס מלחמה

וועטעראַן באַקומען אַ דירה און פּטור ווערן אי פון דעם פערטן עטאַזש, אי פון דער שנור, אַרקאַדיס ווייב – אַ שלאַק איינע אין דער וועלט...

ביים קינדער־שפּיטאָל איז אַנע איוואַנאָוונע אַרויס פונעם טראָלייבוס, צוגעגאַנגען צו אַ מיסט קעסטל, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל פונעם אָפּשטעל, און האָט גיך צעריסן דעם בריוו. זי האָט מיט אַ פאַרלייכטערונג געקוקט, אַז דער יאַט מיטן ספּאָרטיוון רענצל זעט צו דורכן פענצטער, ווי מיט די שטיקלעך פּאַפּיר ווערט באַדעקט דער אייבערשטער שיכט פון די נאָך פרישע, הייַנטיקע ציגאַר רעשטלעך.

דער יאַט האָט נאָך אַ טראַכט געטאָן, אַז אָט די מיט עפּעס איבערגעשראָקענע זקנה איז ענלעך אויף אַ קראָט, וועלכער ווערט אומבאַהאָלפן אונטער די זונשטראַלן.

# פּראָווינציעלע יסורים

# פּראָווינציעלע יסורים

## 1

גרישע איז געבוירן געוואָרן אין סוף נאָוועמבער צוויי און דרייסיקסטן. זיין מוטער, אַן אָפּגעשוואַכטע פון הונגער, האָט געהאַלטן אין איין חלשן. שכנים פון די ביידע דאָרפישע גאַסן, דער לאַנגער – יידישער און דער קורצער – דייטשישער, האָבן אַפילו ניט געגלייבט, אַז מינע, ישראל שקאַרבערס טאָכטער, און איר ערשטלינג וועלן זיך אויסקאַטשען. וועגן דעם עצם טויט האָט קיינער, פאַרשטייט זיך, ניט גערעדט, כדי ניט געבן קיין עין־הרע, כאָטש אַלע האָבן געוואוסט, אַז די צייט איז געקומען אַזאַ, ווען דער מלאך המות נייטיקט זיך ניט, מע זאָל אים אָנטייטלען אויף נייע קרבנות.

געראַטעוועט האָט זיי מינעס עלטערע שוועסטער רחל, וועלכע האָט צו דער צייט שוין אָנדערהאַלבן יאָר געלעבט אין סטאַלינאָ. פריער האָט רחל אָנגעפירט מיט אַ בריגאַדע מעלקערינס אין זייער קאָלווירט אויף ראָזע לוקסעמבורגס נאָמען. געווען איז זי אַ בראַנד־פייער, דערפאַר טאַקע האָט מען זי געבעטן אַרויסטרעטן אויף דער פאַרזאַמלונג ווען מע האָט פאַראַיאָרן געפּראַוועט דעם אינטערנאַציאָנאַלן פרויען־טאָג. אויף דער בינע איז זי אַרויס גלייך נאָך דעם כערסאָנער צוואַנציקטויזנטלער*

---

*) פון די צוואַנציק טויזנט שטאָטישע קאָמוניסטן וועלכע מ'האָט מאָביליזירט כדי דורכצופירן די קאָלעקטיוויזאַציע.

כאַצקל ראַבינאָוויטש. יענער האָט אויפגעהייטערט דעם עולם מיט זיין „מיר, סאָוועטישע פרויען!...". רחל האָט אויך, אַוודאי מער באַגרינדעט, אָנגעהויבן פון „מיר, סאָוועטישע פרויען!", אָבער ווייטער האָט זי פאַרזיכערט, אַז טאָמער וועט די אַרבעט ביי זיי גיין אַזוי ווי איצט, וועלן זיי שוין קיינמאָל ניט לעבן, ווי פאַר דער קאָלעקטיוויזאַציע.

נאָך דער פאַרזאַמלונג, אויפדערנאַכט, איז צו די שקאַרבערס אַריין מענדל מאָהילעוויטש, דער איינציקער אין זייער דאָרף וועמען עס האָט נאָך פאַר דער רעוואָלוציע געלייענט רוסישע צייטונגען. עפּעס אַ שעה האָט ער געטרונקען אַ גלאָז טיי מיט אַ קיכל, אָנהויפנדיק דערביי זיינע אָנצאָליקע געשיכטעס וועגן פאַרשיידענע בעלי־חיים, באַזונדערס וועגן פערד, און צום סוף האָט ער, כלומרשט דרך אגב, געזאָגט, אַז רחל, ווי ער מיינט, מוז באַלד אָוועקפאָרן. מאַלע וואָס – דער דאָזיקער כאַצקל ראַבינאָוויטש איז ביי זיי אַ מענטש אַ נייער, קיין חכמה שטראַלט פון אים ניט, און אַחוץ אים זיינען פאַראַן דאָ אויך אַנדערע, אייגענע שלעק...

זיך ניט צוהערן צו מענדל מאָהילעוויטשעס עצות איז אינעם דאָרף ניט פאַרפירט געווען. רחל, וועלכע איז געווען אַ בריה אויף צו נייען, האָט זיך גיך איינגעאָרדנט אין דער שטאָט אַלס טאָגלוין שניידערקע ביי די לייט („די העכערע געזעלשאַפט – גאָלע קצבים", – האָט זיך געגרויסט מיט איר אונטעראויוון איינע פון רחלס קליענטקעס).

דערהערט, אַז איר שוועסטער און דאָס פּיצינקע קינד שטייען שוין מיט איין פוס אויף דער בעסערער וועלט, איז זי געקומען מיט צוויי קוישלעך ברויט, וואָס די מוטער האָט צעשניטן און פאַרטריקנט אויף סוכאַרעס.

ווען אין אַ חודש אַרום איז קלאָר געוואָרן, אַז מינע און גרישע זיינען שוין מער קיין געסט ניט, האָט גרישעס פאָטער מאיר ראָדנע זיך דערמאָנט, אַז מע דאַרף דעם זון פאַרשרייבן. ער האָט, אמת, געפּרואווט רעדן דערפון כמעט גלייך נאָך גרישעס געבוירן ווערן, אָבער ישראל,

דער שווער, האָט דעמאָלט בײַז אַ קוק געטאָן אויפֿן אײדעם און נאָר אַ בורטשע געטאָן: „די שטוב ברענט, און דער זייגער גייט״.

מענדל מאָהילעוויטש, אַלס סעקרעטאַר פונעם דאָרף־ראַט, האָט זיך באַקלערט און פאַרשריבן, אַז גרישע איז געבוירן געוואָרן דעם 1טן יאַנואַר 1933. מאַלע וואָס – אפשר וועלן דער חודש מיט עטלעכע טעג אים אַמאָל צוניץ קומען.

אַדאַנק מענדל מאָהילעוויטשעס „מאַלע וואָס״ איז גרישעס געבוירנטאָג געוואָרן ביז גאָר פּאָפּולער. פֿריער, ווען ער האָט נאָך געלעבט מיט די עלטערן, פלעגן בײַ זיי אינעם ערשטן טאָג פון יאָר זיך צונויפקלייבן אַלע היגע קרובים און פריינט, כאָטש עס האָט זיך געפילט – באַזונדערס נאָך דער מלחמה, ווען זיי האָבן זיך איבערגעקליבן אין שטאָט, – אַז די אימענינעס איז סתם אַ תירוץ, און דער עיקר איז – זיך צונויפקלייבן אינאיינעם, כדי דאָס הונדערטסטע מאָל זיך דערמאָנען אין כאַצקל ראַבינאָוויטשעס „מיר, סאָוועטישע פרויען״ („איך האָב אים פאַראיאָרן באַגעגנט אין כאַרקאָוו, ער איז געוואָרן אַ לערער פון געשיכטע״), אָדער ווי יאַנקל בערזשיק האָט זיך געחכמהט: „אַ קאָלווירטניק איז געגליכן צו אַ מלאך: ביידע דאַרפן לעבן אָן שום שפּייז״ („ס׳האָט אים געפּידלט – יעזשאָוון האָט מען פּונקט געביטן אויף בעריאַן*, און יאַנקל איז אַרויס. יאָ, אָן ציינער, אָבער סיי ווי...״).

צוגרייטן אַ טיש פאַר אַזאַ עולם איז געווען אי שווער, אי גרינג. שווער, ווייל געלעבט האָבן זיי גאָר ניט רייך, און די געסט זאָלן עפּעס ברענגען מיט זיך – אַזוינס איז דעמאָלט ניט געווען פאַרפירט, מע האָט עס געהאַלטן פאַר „גוייש״. בלויז די מומע רחל, וועלכע איז געבליבן אָן אַ משפחה און האָט דעריבער געקאָנט זיך פירן אויף איר אייגענעם אופן, פלעגט תמיד קומען מיט אַ שטרודל. „רחלס שטרודל״ איז אַפילו געוואָרן

*) יעזשאָוו און דערנאָך בעריאַ האָבן אָנגעפירט מיט די סאָוועטישע רע־פּרעסיווע אָרגאַנען.

אַ מין ריטועלע אַכילה, דער תמצית פון וועלכער האָט זיך שוין פון לאַנג אָפּגעריסן פון אַזעלכע באַגריפן, ווי „געשמאַק" אָדער „ניט געשמאַק", „געפעלט" אָדער „געפעלט ניט".

צוניפקלייבן אַ טיש איז אין דער זעלבער צייט געווען גרינג, ווייל קיינער פון די געסט איז ניט געווען צו איבערקלייבעריש, וועגן דאָס רוב גרויסאַרטיקע געריכטן האָבן זיי נאָר געלייענט — צומאָל מיט געלעכטער, צומאָל מיט שטוינונג — אין אַ דיקן קולינאַר בוך, וואָס האָט זיך געעפנט מיט חבר סטאַלינס ווערטער. צו אַזעלכע מטעמים, ווי למשל מאַיאָנעז, האָט מען נאָר גענומען צוגעוואוינט ווערן, כאָטש די ערשטע באַנקעס מיטן „סם" פלעגן געווײנלעך פליען אין די מיסט עמער, וואָס מיט פאַרפולן זיי איז מען, אגב, געווען ביז גאָר שפּאָרעוודיק.

## 2

קיין באַזונדערע פעאיקייטן האָט גרישע ניט געהאַט, זיך אויסגעטיילט בלויז מיט אַן אומגעווײנלעכער התמדה. ס'איז געווען דאָס איינציקע, וואָס ער האָט געקאָנט קעגנשטעלן דער ניט־סיסטעמאַטישער בילדונג. תחילת — אין דאָרף וואו די שול, פריער אַ יידישע, איז צו דער צייט ווען גרישע איז אַוועק אין ערשטן קלאַס געוואָרן אַ רוסישע, און סיי די לערער, סיי די תלמידים האָבן אָנגעהויבן באַהערשן די כמעט נייע פאַר זיי שפּראַך. דערנאָך איז געווען די עוואַקואַציע: אויף עטלעכע חדשים — אין דער סטאַלינגראַדער געגנט, ווייטער — אין אַן איבערגעפּאַקטן מיטל־אַזיאַטישן ישוב, מיט צוויי און צוואַנציק מענטשן אין אַ צימער פון צוואַנציק קוואַדראַט מעטער, ווען די היימאַרבעטן האָט מען געשריבן אויף די ראַנדן פון אַלטע צייטונגען און די אויפגאַבע נומער איינס איז געווען צו כאַפּן אַ טשערעפּאַכע, פון וועלכע גרישע און נאָך עטלעכע ניט

קיין מפונקים פון זייער קלאַס האָבן זיך אויסגעלערנט צו קאָכן אַ זופּ, פאַרבאַהאַלטנדיק זיך אין אַ באַלקע הינטער דעם ישוב. פאַזע דער באַלקע איז דורכגעגאַן אַ וועג קיין טאַשקענט, און איינמאָל האָבן זיי דאָרט ביים וועג געפונען אַ קאַרטאָן קאַסטן מיט כאַלוואַ, וואָס איז אָפּנים אַרויסגעפאַלן פון אַ לאַסטמאַשין. זיי האָבן זיך אַזוי דעמאָלט אָנגעזעטיקט מיט דער קלעפּיקער גרויער קאַשע, אַז עס האָט גרישען געסטייעט אויפן גאַנצן לעבן – אַפילו טיי האָט ער פון יענער צייט אָן געטרונקען נאָר אָן צוקער.

אין סוף דריי און פערציקסטן האָבן זיי זיך אומגעקערט צו זיך אין דאָרף. דאָס אָרט האָט זיך אויסגעוויזן פרעמד. דאַכט זיך, די זעלבע צוויי גאַסן: די לאַנגע – יידישע און, ווי אַ קליין אָפּצווייגל, – דאָס דייטשישע געסל. אָבער ניט קיין יידן און ניט קיין דייטשן זיינען שוין דאָרט נישט געווען. דאָס דאָרף האָבן באַפעלקערט נייע מענטשן – די מלחמה האָט זיי פון ערגעץ אַרויסגעריסן און פאַרוואָרפן אַהער, אין די אַמאָליקע נאָוואָראָסישע קאָלאָניעס. בלויז דער קאָטער, אַ בעל־חי פון אַ זעלטענער הינטישער קלוגשאַפט, האָט זיי גלייך דערקענט, פלעגט ניט אָפּגיין פון זיי און זיך לייגן ביינאַכט ביי דער שוועל, גלייך ווי באַוואַכנדיק זיי פון אומגעבעטענע געסט.

דעם פאָטער האָט מען דעמאָביליזירט אין אַ יאָר אַרום נאָכן נצחון, און זיי האָבן זיך איבערגעקליבן אין שטאָט, וואו גרישע האָט שוין פאַרענדיקט די שול פאַר יינגלעך, וועלכע איז געשטאַנען הינטער די טריבונעס פונעם סטאַדיאָן „גאָרניאַק".

– אויף וויפל גרישע ווייסט ניט, וואָס אי'דאָס אַזוינס – שפּילקעס אין הינטן, און פון קיין פאַסקודסטווע ברעזגעוועט ער זיך ניט, דאַרף ער גיין נאָר אין מעדאינסטיטוט, – האָט מיט פעסטער איבערצייגונג געזאָגט די מומע רחל, שאַנקעווענדיק קרויט פאַר דעם באַוואוסטן אוקראַינישן באָרשטש מיט חזיר שמאַלץ. אויפדערנאַכט האָבן געדאַרפט קומען געסט

– באַגריסן גרישען מיטן פאַרענדיקן די שול. – איך האָב זיך געעצהט מיט דאָרען, און זי האַלט אויך, אַז ס'איז דאָס בעסטע. – דאָרע, רחלס אומגעהייער־ברוסטיקע קליענטקע, איז געווען ביי איר דער גרעסטער אויטאָריטעט אין אַלע שטייגער פראַגן. – און ס'איז דאָך געוויס אַ יידישע מלאכה, – האָט זי צוגעגעבן, און ס'איז ניט קלאָר געווען, צי איז דאָס איר אייגענע אָפּשאַצונג, צי אַזוי האַלט די באַשענקטע מיט לעבנס־דערפאַרונג דאָרע.

וועגן דעם, אַז גרישע דאַרף ווערן אַ דאָקטער, האָט מען שוין גערעדט אַ פּאָר יאָר. פאַר אים גופא איז באַשטימענדיק געווען דאָס, וואָס מילע קאָוואַלענקאָ קלייבט זיך אויך גיין אין מעדאינסטיטוט. אמת, מיט מילען האָט זיך אַלץ פאַרענדיקט מיט גאָרנישט. אירע עלטערן זיינען געווען קעגן אַ יידישן איידעם, באַזונדערס נאָך דעם ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן די מעשה מיט די „דאָקטוירים־מערדער". צוערשט האָט דער פאַרבאָט אויפגעוועקט ביי די יונגע אַ קאַפּריז גייסט, אָבער ביסלעכווייז זיינען זייערע באַציאונגען פאַרפולט געוואָרן מיט שטענדיקע חשדים. סוף כל סוף האָט עס געבראַכט צו אַ שאַרפן איינרייס, נאָך וועלכן מילע האָט תיכף חתונה געהאַט פאַר עפּעס אַ קאָמיוגישן טוער, און גרישע האָט אויך אינגיכן געבראַכט אַהיים אַ בשורה, אַז ער האָט אַ כלה.

זיין אויסדערוויילטע איז געווען אַדע פונעם פעדאינסטיטוט, אַ פּוכקע, לעבנסלוסטיקע, מיט שיינע אַש־בלאָנדע האָר. געוואוינט האָט זי אויף אַ דירה ווייל איר פאָטער איז געווען אַ קאַדראָווער אָפיצער און האָט געדינט ערגעץ אויפן ווייטן מזרח.

אין אַ האַלב יאָר אַרום נאָך דער חתונה האָט גרישע מיטגעטיילט די עלטערן, אַז ער וויל זיך גטן.

– ביי אונדז אין דער משפחה איז דאָס ניט פאַרפירט. מיר האָבן חתונה איין מאָל אין לעבן, – האָט מיט ווירדע געענטפערט מאיר ראָדנע.

פונעם פאָטער, אַ שטילן, תמיד אויסגעמאַטערטן לערער פון מאַטעמאַטיק, האָט קיינער, איינגעשלאָסן גרישען, ניט דערוואַרט אַזאַ קעגנשטעלן זיך. דערביי נאָך האָט די עצם סיבה אויסגעזעזן צו זיין אַ פּוסטע: אַדע האָט ניט אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין אויסגעפּרעסט גרישעס הויזן (די פאַלדן האָבן זיך באַקומען אויף די זייטן). הקיצור, דער שלום בית איז ווידער אויפגעשטעלט געוואָרן.

לויט דער פאַרטיילונג זיינען זיי שוין אַוועקגעפאָרן זאַלבעדריט: גרישע, אַדע און זייער קינד זשעניע.

אין דער נייער שטאָט האָט גרישע, אָדער גריגאָרי מאַרקאָוויטש, גענוג גיך פאַרנומען דאָס בכבודיקסטע אָרט צווישן די אָרטיקע גינעקאָלאָגן. זיינע עלטערן האָבן פונדערווייטנס געקליבן נחת פון אים. די מוטער פלעג ביי יעדער געלעגנהייט דערמאָנען, אַז איר זון איז געוואָרן אַ זעלטענער בקי אין אַקושאָרעריי: אַפילו די הויפּטשטאָטישע דאָקטוירים קומען ספּעציעל צו פאָרן אין אַזאַ אויסרייסעניש כדי זיך אויסעצהנען מיט איר גרישען. די משפּחה – די אַלע מומעס, שוועסטערקינדער און מחותנים – האָט זיך קריטיש באַצויגן צו די מעשׂיות. זיי האָבן גוט געוואוסט, וואָס עס קאָן דערציילן אַ יידישע מאַמע וועגן איר זון. דערצו נאָך זיינען כמעט אַלע קרובים צעבוצקעט געוואָרן: דער האָט ניט גערופן (אָדער ניט אַזוי גערופן) אויף אַ חתונה, יענער איז ניט געקומען אויף אַ לוויה. סוף כל סוף האָט זיך די אַמאָל גרויסע משפּחה צעפאַלן אויף רעשטלעך. גרישעס רעשטל איז באַשטאַנען פון די עלטערן, דער מומע רחל און דעם ברודער עדיק.

דער ברודער – אויף פערצן יאָר יינגער פונעם בכור – האָט דווקא אויסגעטרונקען ביי גרישען גענוג בלוט. פּלוצעם האָט ער באַשלאָסן אַרויסצופאָרן. גרישע איז דעמאָלט ספּעציעל געקומען צו פאָרן כדי צו זאָגן אַלעמען אָפן, אַז דער מיזיניק פירט זיך אַלס עגאָאיסט, אַז מע טאָר ניט טראַכטן בלויז וועגן זיך אַליין. ער וועט אַוועקפאָרן, און ביי זיין

עלטערן ברודער וועט איבער אים חרוב ווערן די גאַנצע קאַריערע. גיי דערוווייז, אַז דו גופא ביסט פון גאָר אַן אַנדער טייג... דער ייִנגערער זאָגט גרישען: „שפּיי אָן אויף דיין גרויסאַרטיקער קאַריערע, לאָמיר בעסער פאָרן אַלע צוזאַמען". „ניין, – ענטפערט אים גרישע, – לאָזן זיי פריער אויסבויען דאָרט סאָציאַליזם, דעמאָלט וועל איך אפשר פאָרן". בקיצור, ס'איז געווען פריילעך. בינו לבינו האָט זיך עדיק איינגעליבט אין אַ מיידל, דער פאָטער איז ביי איר געווען אַ פּאָלקאָווניק פון קאַ־גע־בע, און די פראַגע וועגן אַרויספאָרן איז אַן און פאַר זיך פאַרמאַכט געוואָרן. אָבער דער פאַרדראָס אויפן ברודער איז ביי גרישען געבליבן.

3

עפּעס איינצייטיק האָבן אַדע און גרישע דערפילט, אַז זיי קאָנען ניט מער שלאָפן אין איין צימער. יעדערער פון זיי האָט צוגעטראַכט אַן אויסרייד: זי האָט זיך געקלאָגט, אַז ער לאָזט זי ניט שלאָפן מיט זיין כראָ־פען, באַזונדערס ווען ער קומט אַ שיכורער; ער – אַז ביי מענטשן שלאָפט מען מיט אַ פרוי, נאָר ניט מיט קופּעס העפטן (אַדע פלעג אָפט דורכקוקן די אַרבעטן פון אירע תלמידים, ליגנדיק אין בעט). דעם שלאָפצימער האָט אָקופּירט אַדע, און גרישע האָט זיך באַזעצט אין דער זאַלע, אויפן דיוואַן וואָס האָט זיך באַפרייט נאָך דעם, ווי זשעניע איז אַוועקגעפאָרן זיך לערנען קיין לענינגראַד.

– דו באַמערקסט כאָטש, וואָס עס ווערט פון דיר? – האָט גרישען געטאָטשעט דאָס ווייב נאָך יעדערער „פריינטלעכער סעודה" זיינער.

– און דו ווילסט, איך זאָל ברענגען דאָס געלט, פּראָדוקטן, שמאַטעס סתם אַזוי פאַר מיינע אָדער דיינע שיינע אויגן? ביי זיי איז פאַרפירט געוואָרן, אַז אַלץ דרייט זיך אַרום טרינקען.

– ביי זיי, – פלעג אים איבערקרימען אַדע. – מע קאָן מיינען, אַז דו ביסט בעסער.

אַ מין שלום פלעג זיך איינשטעלן עטלעכע מאָל אין אַ יאָר, געוויינלעך ווען עס פלעגן צו זיי קומען געסט. ווען עמען רופן – דאָס פלעגט באַשטימען אַדע. ס'איז געווען איר אינטעליגענטנע קאָמפּאַניע, און ווען גרישע האָט געפּרוּווט איינלאַדן זיינע פריינט, האָט ער באַגעגנט אַ שאַרפן ווידערשטאַנד:

– מיט דיינע שיכורניקעס קאָנסטו גיין טרינקען אין גאַראַזש אָדער צו אייערע נקבות. קיין קאַבאַק וועל איך ביי זיך אין שטוב ניט דערלאָזן.

איינמאָל, ווען ער האָט „באַשפּריצט" מיט דער מיליציע נאַטשאַלסטווע זיין נייע „לאַדע", האָט אַדע אים ניט אַריינגעלאָזט אַהיים, און גרישע, טאַקע אַ שיכורער, איז אַוועק צו זיך אין גאַראַזש, וואו ער איז גלייך אַנטשלאָפן געוואָרן. אים האָט זיך געחלומט דער ריזיקער פּאָד־פּאָלקאָווניק אַבראַמאָוו, וועלכער האָט כסדר אונטערגעגאָסן משקה אין די קעלישקעס, איבערחזרנדיק דערביי: „נאָך אַ קליינינקע, פאַר דיינע, גריגאָרי מאַרקאָוויטש, גרינגע וועגן".

דעם פּאָדפּאָלקאָווניקס פאָטער איז מיט אַ יאָר צוריק עובר בטל געוואָרן. די שלאַפקייט האָט זיך אַנטפּלעקט דער עיקר אין דעם, וואָס דער אַלטער – אַן אוקראַאינער נאָך פון די דרייסיקער יאָרן – האָט פּלוצעם אינגאַנצן פאַרגעסן סיי רוסיש, סיי אוקראַאיניש און האָט אָנגעהויבן רעדן און פאַרשטיין בלויז יידיש. ראָדנע, וועלכער האָט שוין פון לאַנג געהיילט אַבראַמאָווס ווייב, אַ פינף און דרייסיקיאָריקע עקרה, איז געוואָרן דער איינציקער פאַרבינד־רינג צווישן די צוויי דורות. ביסלעכווייז האָבן דער זון און די שנור אויסגעלערנט מיט דעם דאָקטערס הילף די נייטיקע אומגאַנג פראַזעס, אָבער כמעט יעדן טאָג פלעג דער פאָטער אונטערטראָגן נייע שפּראַכלעכע סורפּריזן, און די אַבראַמאָווס האָבן געקלונגען גרישען:

— גריגאָרי מאַרקאָוויטש, ראַטעווע אונדז! וואָס קאָן עס באַטייטן...

קאַיאָר האָט זיך גרישע אויפגעכאַפּט און איז אַוועק צו אַנטאָנינען, דער קלייענדיקער גרושה וואָס האָט געאַרבעט מיט אים אַלס פּאַטראָנאַזש שוועסטער. זי איז אים שוין פון לאַנג געפעלן געוואָרן, אָבער ביז אָט דער נאַכט האָט ער ניט געקאָנט זיך אַנטשליסן.

## 4

ערב דעם ניי־יאָר איז גרישע געקומען אַהיים אַ פאַרמאַטערטער. דער שפּיטאָל איז געווען איבערגעפולט, גלייך ווי די געווינערינס האָבן זיך געאײַלט איבערצושטייגן עפּעס אַ פּלאַן פאַר דעם יאָר.

אַדע, אין אַ פאַרטעך, מיט פאַרדרייטע אויף לאָקן־וויקלערס האָר, איז אַרויס פון דער קיך, האָט דערזען דעם מאַן און שווייגנדיק זיך אומגעקערט צו דער קאַטשקע, וועלכע איז געלעגן אויפן טיש, וואַרטנדיק מע זאָל זי אָנפילן מיט רייז, ראָזשינקעס און אַנטאָנאָווקע עפּל.

— וואָס, די גאַנצע כאַליאַסטרע דײַנע איז גרייט צו באַגליקן אונדז? — ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער שוועל פון דער קיך, פילנדיק ווי עס ציען זיך אין אים אָן די נערוון.

— פאַרשטייט זיך, ווער קאָן זיך גלײַכן צו אַזאַ גייסטיקן ניוואָ, ווי בײַ דײַנע שיכורים. אויף וועמען האָסטו, אגב, געוואָרפן אין דער ניי־יאָר נאַכט דײַן אַנטאָנינען?

— טאָמער ווילסטו איך זאָל אַוועקגיין, קאָן איך דיר אונטערטראָגן אַזאַ מתנה, — און ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר.

— ניין, כ׳לעבן, דו וועסט בלייבן. — אַדע איז אַרויסגעלאָפן נאָך אים אין קאָרידאָר, דאָס פּנים איז בײַ איר רויט געוואָרן, די הענט האָבן זיך געטרייסלט. — דו וועסט, טײַערער מײַנער, בלייבן, — האָט זי איבער־

געחזורט. – גיב אַ קוק אויף מיר! ווער ווייסט גלייבן אַז איך בין פופציק יאָר אַלט! כ׳בין דאָך געוואָרן לעבן דיר אַ זקנה, כ׳בין דאָך אינגאַנצן גראָוו, – זי האָט אַ טרייסל געטאָרן מיט די לאָקן־וויקלערס. – דיר איז גרינג – אויב ניט אַנטאָנינאַ, איז עפּעס אַ מאַרפאַ צי אַ קלושאַ וועט דיך אונטערכאַפּן. און ווער וועט מיך נעמען? ניין, אָט נאַ דיר! – האָט זי צונויפגעדרייט אים צוויי ווייסע פון מעל פייגן. – איך וועל דיר ניט אָפּלאָזן. און דעם רעצעפּט ווייס איך גוט. דו מיינסט, אַז איך בין שוין גאָר אַ טיפּש, אַז איך האָב ניט אויף דיר קיין דאָסיע? פון וועמען, וויפל, וואָס. אפשר ניט אַלע דיינע געשעפטן ווייס איך, אָבער, גלייב מיר, טייערער, אַז אויף צו פאַרלירן כאָטשבע דעם פּאַרטיי בילעט וועט עס געוויס סטייען. – זי איז אַריינגעלאָפן אין דער קיך, צוקלאַפּנדיק נאָך זיך מיט דער טיר.

גרישע האָט זיך אויף חידושים גיך דערקלונגען צו די עלטערן.

– מאַמע! איך באַגריס אייך אַלעמען מיטן ניי־יאָר! – האָט ער געשריגן, כאָטש דאָ, אין קאָרידאָר, איז געווען שטיל. דאָס געוויש – סיי פון די געסט, סיי פונעם טעלעוויזאָר – איז געבליבן אין דער זאַלע, הינטער דער פעסט פאַרמאַכטער טיר.

די מאַמע האָט אויך געשריגן און פאַרשטייט זיך געוויינט. זי וויינט תמיד ווען ער קלינגט אָן.

– ביי מיר איז אַלץ גוט! – ער האָט פּלוצעם אויך דערפילט אַ קנײלכל אין האַלדז און גיך אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל. די מאַמע וועט מיינען, אַז מע האָט זיי איבערגעריסן. אין אַזאַ נאַכט איז דאָס זייער מעגלעך: די טעלעפאָן ליניעס ווערן ממש צעריסן פון די ווינטשעוואַניעס.

# בראַסילאָוו

# בראַסילאָוו

אין בראַסילאָוו איז באָריס אָפּגעווען בלויז אַ האַלבע שעה – אַזויפיל איז דאָרט געשטאַנען דער אויטאָבוס „זשימטאָמיר – כמעלניצקי״. אַ באַגנוגעוודיקע קאָמאַנדירונג־באַשעפעניש, פאַרהאַרטעוועטע אין אומצאָליקע יאַזדעס איז באָריס באַלד נאָכן אַרויספאָרן פון זשיטאָמיר אַנטשלאָפן געוואָרן. ער האָט אינסטינקטיוו געשפאָרט כוחות, ווייל פון כמעלניצקי האָט ער נאָך געדאַרפט פליען אויף אַ באַראַטונג פון מעטאַלורגן, און שוין פון דאָרטן זיך אומקערן אַהיים.

ביים אַריינפאָרן אין בראַסילאָוו איז זייער אויטאָבוס גאַנץ לעפיש אונטערגעשפרונגען איבער עפּעס אַ מניעה, אַרויסטרייסלענדיק דערביי אַלע פּאַסאַזשירן פונעם שלאָף. כל־זמן דער אויטאָבוס האָט שווימיק מאַנעווירט אינעם לאַבירינט פון שמאָלע איינשטאָקיקע געסלעך, האָט באָריס באַוויזן זיך אינגאַנצן אויפכאַפּן ביז אַ צושטאַנד, אין וועלכן ער איז שוין ביכולת געווען אי צו באַנעמען די רויטע אותיות אויף דער שילד איבער דער בראַסילאָווער אויטאָסטאַנציע, אי זיך תיכף דערמאָנען אין זיין פאָטערס „כראָניק״.

„...מיין טייערע, מיין איינציקער בראַסילאָוו. מיין חלום, וועלכער איז אַוועק אויף אייביק. אינגיכן וועט שוין קיינער ניט וויסן, אַז אין בראַסילאָוו איז אַמאָל געווען די פּראָסקוראָוו גאַס, אַז אַמאָל האָט דאָ געלעבט מויני מאַלקעס, דאָס הייסט איך...״

מע דאַרף דאָך צוטראַכטן אַזוינס! אָפּזיצן גאַנצענע טעג ביי דער

מאַשינקע און קלאַפּן מעמואַרן. באָריס׳ ווייב איז זיכער, אַז דער שווער האָט עס בכיוון צוגעטראַכט, כדי ניט ניאַנטשען זיך מיט די אייניקלעך. באָריס פילט, אַז די סיבה איז אַן אַנדערע, כאָטש פאַר אים און, באַזונדערס, פאַרן ווייב איז זי לחלוטין אומבאַגרייפלעך. דער פאָטער איז דאָך תמיד געווען, אַזוי צו זאָגן, אַ פּראַגמאַטיקער. נאָך מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט ער אַליין ליב געהאַט אויסצולאַכן זייער שכן מאַקס שיעוויטשן, אַ געוועזענעם אַפּטייקער, וועלכער מוטשעט עקשנותדיק אויס נייע רוסישע איבערזעצונגען פון שלום עליכמס דערציילונגען. זיין אידיי־פיקס איז צו דערווייזן, אַז העברעאיזמען קאָן מען איבערגעבן בלויז מיט אַלט־סלאַווישע צי אַרכעאיש־רוסישע עקוויוואַלענטן.

פריער פלעג דער פאָטער שיער ניט חלשן פון מאַקס שיעוויטשן. יענער האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב איבערצולייענען אים יעדן פרישן תרגום. „איר פילט, מוֹני, ווי ׳דאָלגיאיע לעטאַ׳ איז נאָענט צו ׳מזל־טוב׳, הגם די סעמאַנטיק איז דאָך ביי זיי גאָר אַ פאַרשיידענע?״ דער פאָטער פלעג הכנעהדיק שאָקלען מיטן קאָפּ. אָבער אַפילו אַזאַ שאָקל איז געווען גענוג, כדי אונטערהאַלטן אויף לאַנג דעם שכנס אַלכעמישע באַגייסטערונג.

איצט איז ביי זיי געוואָרן אַ לעבן ווי אַ לעקעך: מאַקס שיעוויטש טיילט זיך מיט זיינע נייע יידיש־רוסישע אויספאָרשונגען, דער פאָטער לייענט אים נייע קאַפּיטלען פון זיינע זכרונות.ביידע שטראַלן פאַר פרייד און באַמערקן אַפילו ניט (צי זיי ווילן ניט באַמערקן), אַז בשעת אָט די ליטעראַרישע אָוונטן צעשפּילן זיך אין באָריס׳ ווייב די דמים...

באָריס איז אַריין אין אויטאָוואָקזאַל. אַ בילעטן־קאַסע, עטלעכע לאַנגע בענקלעך און אַן אָפּגעטיילט פאַרן סטאַנציע בופעט ווינקל, פון וואַנען עס האָט זיך געפילט אַ פריקרער פיש־ריח, וואָס האָט גלייך אָפּגעשטעלט באָריסן פון פאַרווירקלעכן זיין פאַרלאַנג – אויסטרינקען אַ גלאָז טיי צי קאַווע.

– פּאַריאַ!*

ער האָט אַפילו ניט באַמערקט, ווי אַ צעקנייטשטער פּאַרשוין פון אַ יאָר פופציק, וועלכער האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט אויף איינעם פון די בענקלעך, איז אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צו אים.

– פּאַררייכערן וועט זיך ביי דיר ניט געפינען?

– זייט זיך מכבד, – האָט באָריס האַלב אַרויסגעטרייסלט פונעם פּעקל עטלעכע סיגאַרעטן.

דער צעקנייטשטער פּאַרשוין האָט פּאָרזיכטיק גענומען איינע, אַ קוק געטאָן פרעגנדיק און פאַרטשעפּעט נאָך איינע.

– אויף אַ נויטפאַל, – האָט ער דערקלערט באָריסן.

באָריס האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז די ציג וועלכע ס'האַלטן זייערע דאַטשע שכנים, נעמט אַ שטיקל ברויט ביי אומבאַקאַנטע מענטשן מיט פונקט אַזאַ בנעימותדיקער אָפּגעהיטקייט.

זיי זיינען ביידע אַרויס אינדרויסן.

– ניט לאַנג צוריק, דעם ניינטן מאַי, זיינען דייניקע אָנגעפאָרן אַהער פונעם גאַנצן לאַנד. – דער אומבאַקאַנטער האָט פאַררייכערט.

– וועלכע מייניקע? – האָט ניט פאַרשטאַנען באָריס.

– יידן. דאָ, הינטער דעם צוקער זאַוואָד, איז אַ ברידער־קבר. זיי קלייבן זיך דאָרט צונויף אַלע יאָר, – און צוגעגעבן אין אַ ווילע אַרום, – כ'בין אויך דאָרט געווען. כ'לאָז ניט דורך קיין איין צונויפקומעניש.

– וואָס זשע, איר באַקומט פון דעם פאַרגעניגן?

דאָס וואָרט „דייניקע" האָט גלייך קאַליע געמאַכט באָריסן די שטימונג. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אין יוני זיבן און זעכציקסטן האָט זייער שכן אַלעקסיי אַרטיאָמאָוויטש אים איבערראַשט מיט אַ פראַגע: „נו, וואָס האָבן דיינע דאַיאַנאָוועס זיך פלוצעם צעבושעוועט?"

---

*) גראַב: בחור (רוסיש).

– כ'בין דאָך דאָרט דעמאָלט געווען, – האָט דער פּאַרשוין גלייך ווי ניט באַמערקט באָריס' שטאָך. – מיר האָבן ניט ווייט געלעבט פונעם צוקער זאַוואָד. האָב איך זיך פאַרבאַהאַלטן אויפן בוידעם און אַלצדינג געזען. – ער האָט עטלעכע ווײַלעס געשוויגן. – די פּסיכיאַטערן האַלטן, אַז גראָד נאָך דעם בין איך משוגע געוואָרן. אָ, וואָס פאַרשטייען זיי, די דאָקטוירים? ווי פֿל מאָל האָב איך ביי זיי געבעטן מיר געבן אַזאַ רפואה, אַז איך זאָל קאָנען פאַרגעסן דאָס אַלצדינג. אָ, – ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז אַריין צוריק אין אויטאָוואָקזאַל.

באָריס האָט פאַרנומען זיין אָרט אינעם אויטאָבוס. אָנשטאָט אַ לייטענאַנט, וועלכער איז געזעסן לעבן אים פון זשיטאָמיר, האָט איצט דעם פּאָטעל פאַרנומען אַ מיידל מיט פריילעכע חן-גריבלעך און אָפּ-שיינענדיקע גאָלדענע צאָן קריינדלעך. זי האָט וועגן עפּעס געמאַכט מיט די הענט צו אַ געזונטן יאַט, וועלכער איז געשטאַנען פון יענער זייט פענצטער און געקוקט אויף איר מיט שיער ניט וויינענדיקע אויגן.

פון ערגעצוואו האָבן זיך באַוויזן דריי קוואָלע שמוציקע הינט, האָבן זיך אַ דריי געטאָן לעבן דער אַריינגאַנג טיר, דערנאָך זיינען זיי אויף אַ ווײַלע פאַרשוואונדן געוואָרן און ווידעראַמאָל געקומען צו לויפן, כדי זיך לסוף אויסזעצן אַרום דעם געזונטן יאַט.

דער פאַרליאַפּעטער, מיט כמה יאָרן צוריק געקאַלכטער אויטאָ-וואָקזאַל, עטלעכע זעט אויס תמיד פאַרמאַכטע קיאָסקן, דער יאַט מיט די הינט – אַלץ האָט זיך אַ ריס געטאָן פונעם אָרט און איז אַוועקגעשוואומען איבער די שמאָלע איינשטאָקיקע געסלעך.

שוין דורכן דרעמלעניש האָט זיך באָריס דערמאָנט אינעם פּאָטערס התפעלות פון זיין פאַראַיאָריקער רייזע קיין בראַסילאָוו:

– וואָלסטו, באָרקאַ, געזען מיין בראַסילאָוו! ס'איז געוואָרן ממש אַ קליינער פאַריז!

# דער מאַטראַץ

# דער מאַטראַץ

אַהרן האָט היינט געאַרבעט דעם ערשטן טאָג נאָכן אומקערן זיך פון כאַרקאָוו. פיר יאָר האָט ער זיך הינטעראויגיק געלערנט אין אַ כאַרקאָווער טעכניקום, און היינט קאָן מען סוף כל סוף פריי אָפּ־עטעמען: אַהיים האָט ער זיך אומגעקערט שוין מיט אַ דיפּלאָם.

קיין גרינגע זאַך איז דאָס ניט געווען – זיך לערנען אין אַזאַ עלטער. וויפל האָט ער זיך אָפּגעמאַטערט בלויז מיט פּראַנצייזיש! בעסער וואָלט עס שוין געווען דייטש. בעת דער מלחמה פלעגן דאָך די דייטשן פאַרשטיין זיין יידיש... אָבער פאַרן אינטערנאַציאָנאַלן לשון פון פּאָסט האָט מען אויף צו להכעיס אויסגעקליבן פראַנצייזיש.

אהרן האָט איצט איבערגעקליבן אין זכרון די מענטשן, מיט וועמען ער קאָן טיילן זיין פרייד. אויף דער אַרבעט האָט מען אים, פאַרשטייט זיך, באַגריסט, און דאָך האָט זיך אים געדוכט, אַז וויניק ווער האָט פאַרשטאַנען דעם עיקר: מיטן באַקומען דעם דיפּלאָם וועט זיך ביי אים אָנהייבן גאָר אַ ניי לעבן. און דאָ האָט לוקיאַנאָוו, מיט וועלכן ער אַרבעט שוין זייט ביי אַן ערך צוואַנציק יאָר, אים פּשוט אַ קלאַפּ געטאָן איבערן אַקסל:

– אַראָן! ביסט אַ מאָלאָדעץ. פון דיר קומט אַ פלאַש.

און סוף טאָג האָט אהרנען אַרויסגערופן דער נאַטשאַלניק, לאַנג געדריקט אים די האַנט און דערנאָך באַוויזן דעם באַפעל, אין וועלכן ס'איז אָפּגעדרוקט, אַז זיין געהאַלט ווערט גרעסער אויף אַ צענערל.

פאַניע, אהרנס ווייב, האָט אים נעכטן אויפדערנאַכט אויך באַגעגנט ניט אַזוי, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט. זי האָט זיך מיטאַמאָל צעוויינט. און נאָך אַ געהעריקער פאַר אַזאַ מין פאַל פאָרציע טרערן האָט זי געזאָגט:

– דאַנקען גאָט. אפשר וועלן מיר אָנהייבן לעבן ווי מענטשן: אָן קאָנטראָלנע און קורסאָווע שרייבעכצן, אָן די שדים ווייסן וואָס...

נאָכן אַרבעטסטאָג האָט אהרן באַשלאָסן, אַז מע דאַרף אַריינגיין צום פעטער מאָטל. אים וועט געוויס זיין אָנגענעם צו דערוויסן זיך, אַז זיין פלימעניק איז שוין אַ געקאָנטשעטער ספּעציאַליסט. נאָך דער מלחמה זיינען פון דעם גאַנצן גרויסן געזינד, וואָס האָט געטראָגן די פאַמיליע באַלעגאָלע, געבליבן נאָר זיי, אהרן און דער פעטער מאָטל. אמת, בלויז ביי אהרנען האָט זיך פאַרהיט די פאַמיליע, וועלכע ס׳האָט געטראָגן זיין זיידע פייוול דער בעל־עגלה, מאָטל אָבער איז נאָך אין די פאַר־מלחמהדיקע יאָרן געוואָרן מאַטוויי פּראָלאָוויטש בעלאָגאָר. פייוולס שכן לייזער סיטשקאַרניק האָט דעמאָלט געעצהט מאָטלען, ער זאָל מער ניט גיין זיך וואַשן אין באָד. און אויף מאָטלס „פאַרוואָס״ האָט לייזער אים געענטפערט, אַז אין באָד זעט מען גלייך, ווער עס איז באַלעגאָלע און ווער עס איז בעלאָגאָר...

דער פעטער מאָטל האָט אַליין געעפנט אהרנען די טיר.

– ביסט געקומען צו דער צייט. ביי אונדז איז דאָ אַ גאַנצע איבערקערעניש.

– וואָס פאַר אַן איבערקערעניש?

– מיר האָבן געקויפט אַ גאַרניטור. גיב נאָר אַ קוק, וואָס פאַר אַ שיינקייט.

דער מעבל גאַרניטור איז געוועזן טאַקע אַ רייכער.

– אהרן, האָסט זיך אַריינגעפּאַקט. העלף אונדז צעשטעלן דאָס מעבל. אינדרייען מיט סערגייען וועלן מיר דאָס מאַכן אין איין אָטעם.

דער „איינער אָטעם״ האָט געדויערט אַ פאָר שעה. ביים פעטער איז

געווען אַ קראַנק האַרץ, דערפֿאַר האָבן אהרן און סערגיי, מאָטלס זון, אינצווייען איבערגעשלעפּט אַלע זאַכן.

און דאָ, שוין צום סוף, קומט די מומע סימע, מאָטלס ווייב, און הייבט אָן איינריידן דעם פּלימעניק, ער זאָל נעמען ביי זיי דעם מאַטראַץ פֿונעם אַלטן בעט. זי שיט אַזוי מיט ווערטער, אַז אהרן קומט ערשט צו זיך שוין אויף די טרעפּ מיטן מאַטראַץ אויף דער פּלייצע.

דער מאַטראַץ איז אַ שווערער. לכתחילה איז נאָך געווען נישקשה, אָבער אַראָפּלאָזנדיק זיך פֿונעם דריטן עטאַזש, איז אהרן שוין געווען גוט פֿאַרמאַטערט. ביזן טראַמוויי אָפּשטעל האָט ער זיך קוים דערשלעפּט. ס'איז נאָך געווען אַ גליק, וואָס די פּיק־צייט איז שוין דורכגעגאַנגען און איינער אַ יונגערמאַן האָט אים געהאָלפֿן אַריינוואַרפֿן דעם מאַטראַץ אין וואַגאָן.

מיט איין האַנט האָט אהרן אונטערגעהאַלטן דעם מאַטראַץ, און מיט דער צווייטער אַרויסגענומען אַ טיכל און אויסגעווישט דאָס פּנים. ער האָט געפֿילט אַ כּעס, נאָר געווען מיט אים ניט צופֿרידן. מיט וואָס, פֿרעגט זיך, איז שולדיק אָט דער דאָזיקער קאָסטן מיט ספּרוזשינעס? און וואָס זיינען שולדיק דער פֿעטער אָדער די מומע, אַז ס'איז זיי געלונגען קריגן דעם גאַרניטור מיט אַ גרויסאַרטיקן בעט־דיוואַן, און דער מאַטראַץ מיט די אַליין־געמאַכטע פּיסלעך איז זיי געוואָרן איבעריק? און ער, אהרן, האָט אים דאָך באַקומען האַלב אומזיסט – פֿאַר אַ צענערל, מיט די אַליין־געמאַכטע פּיסלעך אינאיינעם.

אמת, די מומע סימע האָט געוואָלט איבערלאָזן די פּיסלעך – מאַלע וואו זיי קאָנען נאָך צוניץ קומען. אָבער די פּיסלעך זיינען צוגעקלאַפּט מיט צו גרויסע טשוועקעס, דערצו נאָך פֿאַרדרייטע ביי די שפּיצן, אַזוי אַז פֿאַר אַ האַלבער שעה האָבן אהרן און סערגיי קוים אָפּגעבראָכן איין פּיסל. אהרן האָט זיך גענומען פֿאַרן צווייטן, אָבער דער פֿעטער האָט ניט אויסגעהאַלטן:

– כאַפּט זיי דער רוח! נעם שוין מיט די פּיסלעך אינאײנעם...

איצט ליגט דאָס צעקאַליעטשעטע פּיסל ביי אהרנען אין דער קעשענע, און דער מאַטראַץ שטייט ווי אַן אינוואַליד און שאָקלט זיך צוזאַמען מיט די עטלעכע פּאַסאַזשירן פונעם טראַמוויי.

אהרן האָט ליב געהאַט פאָרן מיטן טראַמוויי. דאָס איז געבליבן ביי אים נאָך פון די ערשטע נאָכמלחמהדיקע יאָרן. דעמאָלט האָט ער ערשט אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס פעלדיעגער – אין דער מיליטאַריזירטער קאָמאַנדע וועלכע רופט זיך „באַזונדערע פאַרבינדונג" און פאַרנעמט זיך מיט צושטעלן טייערע און וויכטיקע זאַכן. דער פעלדיעגער טאָר זיך ניט באַנוצן מיטן שטאָטישן טראַנספּאָרט: אָדער פאָרן אין אַ באַזונדערער מאַשין, אָדער גיין צופוס. מיט קנאה פלעגט ער קוקן אויף די מענטשן, וואָס גייען אַרום אָן אַ נאַגאַן און קאָנען אַריינשפּרינגען אין אַ טראַמוויי און פאָרן...

– דאָס איז אייער מאַטראַץ? – האָט ער פלוצעם דערהערט.

לעבן אים איז געשטאַנען אַ קליינוואוקסיקער מאַנצבל מיט אַ פלאַנשעט* איבערן אַקסל.

– יאָ, מיינער.

– איר ווייסט וועגן דעם, אַז אַזעלכע זאַכן טאָר מען ניט אַריבערפירן אין טראַמווייען?

– און וואָס אַרט עס אייך?

– וואָרעם איך בין אַ קאָנטראָליאָר. – אהרן האָט באַמערקט אַן אָרעמבאַנד אויף זיין לינקן אַרבל. – באַצאָלט אַ רובל שטראָף און גייט אַרויס מיטן מאַטראַץ אינאײנעם.

– אפשר קאָן מען באַצאָלן דעם רובל און ניט אַרויסגיין? גיט נאָר אַ קוק – דער וואַגאָן איז דאָך כמעט פּוסט. ווּעמען שטער איך?

---

*) אַ מין מיליטער פּאָרטפעל.

— ניין. די אַלטע שמאַטע איז צו גרויס. זי איז נאָך מסתמא אָנגעשטאָפּט מיט וואַנצן. טראָגט אַרויס דעם כלאַם.

— אַליין קאָן איך ניט.

דער קאָנטראָליאָר האָט אונטערגעכאַפּט דעם מאַטראַץ, און אינצווייען האָבן זיי אים אַרויסגעטראָגן פונעם וואַגאָן.

„נאָך פיר אָפּשטעלן און איך וואָלט געווען אינדערהיים", — האָט אַ טראַכט געטאָן אהרן. די צוויי מאַנצבלען זיינען געשטאַנען אין דער פינצטערניש און פון ביידע זייטן געהאַלטן דעם מאַטראַץ. אַרום דעם טראַמוויי אָפּשטעל זיינען געווען רואינען פון אַלטע ליים-שטיבלעך. שוין עטלעכע חדשים, ווי מע האָט אָנגעהויבן אַראָפּטראָגן די אַלטע קוואַרטאַלן אַרום דעם צענטראַלן מאַרק. אויפן אָרט פון איייניקע שטיבלעך האָט מען שוין אַפילו באַוויזן צוגרייטן עטלעכע קאָטלאָוואַנען* פאַר נייע פילשטאָקיקע הייזער.

— אָט איז דער שטראָף... — האָט אהרן דערלאַנגט דעם קאָנטראָליאָר אַ רובל.

דער מאַנצבל האָט גענומען דאָס געלט, געעפנט דעם פּלאַנשעט, אַרויסגענומען אַ ביכעלע מיט קוויטלעך, אָפּגעריסן דאָס אייבערשטע בלעטל און אָפּגעגעבן אהרנען:

— מע דאַרף דאָ אָנשרייבן אייער פאַמיליע, אָבער ס'איז אַזוי פינצטער, אַז איך זע גאָרניט.

— דאָס פּאַפּירל פעלט מיר נאָך אויס! העלף מיר בעסער אָפּטראָגן דעם מאַטראַץ אין די רואינען.

— צוליב וואָס?

— ער איז מיר נמאס געוואָרן... און מסתמא איז די שמאַטע טאַקע פול מיט וואַנצן.

---

*) אַ גרוב צוגעגרייט פאַר אַ פונדאַמענט.

– לעבט ניט איבער. לאָמיר פּרואוון אָפּשטעלן אַ מאַשין. און פון די וואַנצן, אויב זיי זיינען אַפילו דאָ, קאָן מען דאָך פּטור ווערן.

– ניין, ווייטער וועל איך אים ניט שלעפּן. ווילסט מיר ניט העלפן, דאַרף מען ניט. כ'וועל אַליין אָפּטראָגן.

און אהרן האָט אַ צי געטאָן דעם מאַטראַץ.

– וואַרט צו, – האָט אים אָפּגעשטעלט דער קאָנטראָליאָר, – פאַרשטייסט, איך טאָר פּשוט ניט טאַסקען קיין שווערקייטן. אָבער מילא...

זיי האָבן אָפּגעטראָגן דעם מאַטראַץ צו די נאָענטסטע רואינען און אים אַ וואָרף געטאָן צווישן דעם מיסט.

אַהיים איז אהרן אַוועקגעגאַן צופוס. ער איז פּטור געוואָרן פון דער משא, און גיין איז געווען גרינג און אָנגענעם, ער האָט אַפילו ניט באַמערקט, אַז אין דער קעשענע ליגט נאָך אַלץ דאָס אָפּגעבראָכענע פּיסל.

# דער זילבערנער דעלפֿין

# דער זילבערנער דעלפין

אויפן אַרומגעוואַקסענעם מיט טרויער־ווערבעס פּליאַזש, וועלכן דער טייך טיילט אָפּ פון דער איינגעהילטער אין אַ ברודנעם נעפּל, רויכשפּייענדיקער שטאָט, פלעג דער באַיאָרטער קרומפּיסיקער פאָטאָגראַף קומען יעדן שבת און זונטיק. „דער ציכטיקער פאָטאָגראַף" – אַזאַ נאָמען האָט אים געגעבן מיין טאַכטער, אַ טשיקאַווע ברעקל, אין וועמעס ווערטער מיר פלעגן אָפטמאָל אַנטדעקן אַ טרעפלעכע כאַראַקטעריסטיק, וואָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען דער קוואַל פאַר אונדזער שטענדיקן התפּעלות.

ווי ס'זאָל ניט זיין, האָט די טאָכטער טאַקע אָפּגעמאָלט מיט דער דאָזיקער ווערטער־פאָרמול אַ לאַפּידאַרע סקיצע פון אָט דעם נאָמאַד, תמיד עקיפּירטן אין אַ בלויער קעפּקע מיטן אויפשריפט „רעטשפלאָט"*, אין רויט־געלע ספּאָרטיווע טרוסן, אויף די פיס – סאַנדאַלעטן „צעבאָ", אויפן האַלדז – אַ פאָטאָ־אַפּאַראַט. זיין לינקן אַקסל האָט אַראָפּגעצויגן אַ שוואַרץ קוישל, וואָס ער האָט צוגעהאַלטן, ווי אַ ביקס. אין דער רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן אַן אָנגעבלאָזענעם גומענעם דעלפין – אַ פּערלמוטער־זילבערנעם מיט שוואַרצע טרויעריקע אויגן. אין זיין באַוועגלעכן אַטעליע איז דער דעלפין געווען אפשר דער הויפּט אַקסעסואַר. די דאָזיקע אומגעזעענע צאַצקע־חיה פלעג תיכף צוציען אַלע

---

*) טייך־פלאָט (רוסיש).

קינדער, גלייך נאָך זיי זיינען געלאָפֿן די עלטערן, און דער פֿאָטאָגראַף האָט געדאַרפֿט בלויז אָנרופֿן די פּרייז און אויספּילן דעם טעכנישן טייל פֿון זיין מְלאכה.

דאָס שוואַרצע קוישל איז פֿאָרמלאָז געלעגן אויפֿן זאַמד, וואַרטנדיק מיט הינטישער הכנעה דער באַלעבאָס זאָל פֿאַרענדיקן דעם „סעאַנס" (דער פֿאָטאָגראַף האָט האָלט געהאַט דאָס וואָרט) און זיך דערמאָנען אין זיין מיטבאַגלייטער, וואָס היט אָפּ די נייטיקע זאַכן: רעזערוו טאַשמעס, גרייטע פֿאָטאָס, אַ פּאָר עפּל איבערצוכאַפּן דעם הונגער, ווי אויך, אַפֿנים, די הויזן און דאָס העמדל, אָן וועלכע ס'איז פֿאַרמאַכט דער וועג אַהיים.

פֿאַרענדיקט אַ סעאַנס, פֿלעגט דער פֿאָטאָגראַף אונטערכאַפּן דאָס קוישל און אָנהייבן עס אויסרייניקן פֿון זאַמד. צום אַלעמערשטן איז עס עטלעכע מאָל אויסגעטרייסלט געוואָרן, נאָכדעם פֿלעגט דער פֿאָטאָגראַף נעמען אויסזוכן זעמדעלעך אין יעדן פֿאַלד, דערנאָך – ווידער אָפּ־טרייסלען און ווידער דורכקוקן אַלע פֿאַלדן. זיך באַרואיקט מיטן רייניקן דאָס קוישל און איינגעאָרדנט עס אויף דער פּלייצע, פֿלעגט ער זיך נעמען פֿאַרן דעלפֿין – אָפּטרייסלען אַלע טראָפּנס וואַסער פֿון זיין זילבערנער פֿעל. שוין גייענדיק ווייטער פֿאַזע דעם פּליאַזש פֿלעגט ער נאָך אַלץ פּאָכען מיטן דעלפֿין, גלייך ווי דאָס טייך־וואַסער וואָלט געווען סם פֿאַר זיין ים חכם.

אָפּטמאָל פֿלעגט ער באַווייזן דורכגיין בלויז עטלעכע טריט, ווי עפּעס אַ קינד איז שוין צוגעלאָפֿן צו אים, פֿאַרכישופֿט פֿון דער פֿריילעך בלישטשענדיקער צאַצקע. און דאָס קוישל איז ווידער געלעגן אויפֿן זאַמד, וואַרטנדיק ווען ס'וועט זיך פֿאַרענדיקן דער נייער סעאַנס און ס'וועט זיך פֿונסניי איבערחזרן די אומבאַדינגטע אָפּרייניקונג...

אויף אונדזער פּליאַזש באַווייזט ער זיך אַזייגער עלף. צו דער צייט קריג איך געוויינלעך די פֿרישע פּרעסע, וועלכע מע פֿאַרקויפֿט אין פֿאָיע

פֿון אונדזער פֿאַנסיאַנאַט, און זיך אין שאָטן, אויף אַ באַנק, פֿאַרזונקען אין לייענען. איינמאָל האָט דער פֿאָטאָגראַף זיך צוגעזעצט לעבן מיר, פֿאַרמאַטערט זיך צוריקגעוואָרפֿן אויפֿן אָנלען פֿון דער באַנק. עטלעכע ווײַלעס איז ער געזעסן שווייגנדיק, דערנאָך, דערזען דאָס פּעקל סיגאַרעטן „יאַוואַ“, געפֿרעגט:

– איר זײַט אַ מאָסקווער?

– יאָ.

– בײַ אײַך פֿאָרן אויך אַלע אַוועק?

– אַ סך פֿאָרן.

ער האָט אַ זיפֿץ געטאָן:

– איך וועל אויך אַפֿנים מוזן פֿאָרן. מער קאָן איך דאָס ניט פֿאַרליידן.

– וואָס, מע טשעפּעט זיך צו אײַך אויף דער אַרבעט?

– ניין, – האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, – אויף דער פֿאַבריק האַלט מען פֿון מיר. און זומערצײַט פֿאַרדין איך ניט שלעכט פֿון מײַן האָבי. ניט אין דעם אָבער גייט עס. – ער האָט מיר פּלוצעם דערלאַנגט זײַן פֿאָטאָ-אַפּאַראַט, – גיט נאָר אַ קוק, מיט וואָס איך דאַרף אַרבעטן! און וואָסערע טאַשמעס מאַכט מען בײַ אונדז? ס'איז אַ בזיון! הייסט עס, אַז מע דאַרף אָדער פֿאַרטאַטשעווען מיט אַזאַ אַפּאַראַטור, אָדער טאַקע אַוועקפֿאָרן...

ער האָט מיר ווי אַ פֿאַרשווערער צוגעוואונקען, אונטערגעכאַפּט דעם דעלפֿין און איז אַוועק צום פּליאַזש פֿונעם פֿאַנסיאָנאַט „מעטאַליסט“.